**נדבה'לעך**
אברהם הערש וועבערמאן

**א קידוש השם אין מאנסי**
גרשון קרעמער

**'הייליג'ער שבת**
היכל הלכה

**נאר נישט שמד**
אהרן קליטניק

# משנכנס אדר מרבין בשמחה

אדר זעט מען א שמייכל אויף יעדענס פנים | **ווער איז דער פרייליך מאכער די אנדערע חדשים**
**פונעם יאר** | וויאזוי באוויזט ער צו זיך האלטן אין א גוטע גוסטע | **הערט פון מו"ה מיכל ראזענפעלד**
**הי"ו איבער זיין מרבין בשמחה א גאנץ יאר אין אלע מצבים. שמחה עד אין קצבה**

בס"ד

פרשת
תרומה
תשפ"ו

**נומער**
**303**

שנה ו'


| | |
|---|---|
| **04** | שער בלאט |
| **07** | קול הברה |
| **10** | קהילה נייעס |
| **12** | א ווארט צוויי |
| **14** | עידנו |
| **16** | אלץ און אלעמען |
| **18** | מעשיות פון תפילה |
| **20** | געדאנקען |
| **28** | היכל הלכה |
| **32** | א מעשה פון א צדיק |
| **34** | מרבין בשמחה |
| **43** | געשעענישן |





















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב ווייס, ישראל דוד העסקעל, משה ארי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס..


# בלעטל


**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**
צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל: 053.315.6938



# ירושלים

## 2000 יאר צוריק

די הייליגע חכמים, די אמוראים זיצן און לערנען די הייליגע תורה אין ירושלים עיר הקודש יעדעס ווארט ווערט אפגעשריבן שלא תשתכח תורה מישראל. שפעטער ווערן די הייליגע ספרים באקאנט אלס דעם 'תלמוד ירושלמי'. דורכאויס די יארן אין גלות האלט מען עס אין איין איבערדריקן יעדעס מאל שענער און בעסער אבער א ירושלמי מנוקד קוקט נאך אויס ווי א ווייטע חלום, ביז...

*sruliHeskel

# שער בלאט

## נדבה'לעך

ב

יים משכן האט יעדער געברענגט א נדבה פון וואס זיין הארץ האט געצויגן צו ברענגען. יעדער מענטש האט עפעס וואס ער קען ברענגען פאר די וועלט וואס א צווייטער קען נישט דעליווערן. דא אינעם שער בלאט ווינקל וואס דארף צו דינען אלס אן ארייפניר צום בלעטל, איז וויכטיג אמאל ארויסצוברענגען א דאנק פאר די אלע אידן וואס געבן זייער הערליכע נדבה וואך איין וואך אויס, און שיקן אריין זייערע האנטווארק פארן בלעטל, כדי נאך אידן זאלן קענען הנאה האבן און מיט דעם ווערן נענטער צום אייבערשטן. מיר וועלן דא אויסרעכענען די וואס זענען מער אויף א וועכנטליכע פארנעם, די ליסטע איז פילפאכיג גרעסער ווען מ'קוקט אויף מער א ברייטערע בליק פון במשך דעם גאנצן יאר.

ביים **בלעטל** אויסגאבע איז דא די וועכנטליכע שרייבערס ווי למשל מו"ה משה ארי' שניצלער הי"ו וואס שרייבט געדאנקען יעדן איינציגן וואך. אזוי אויך טוט מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו אהערשטעלן א מעכטיגע אינטערוויו אויף א וועכנטליכע פארנעם, און צוגאב ווערט אויך דיזיינט די דעקל פונעם בלעטל און נאך גרעפיק דא און דארט ווען עס פעלט אויס א טויש. מו"ה שמואל אייכנשטיין הי"ו שרייבט די נייעס און מודעות ביים עירנו אפטיילונג. אונזער חבר פון בארא פארק מו"ה אהרן קליטניק הי"ו זוכט אויף א מעשה פון א צדיק, טייפט עס אויף פון לשון קודש אויף אידיש, וואס דאס נעמט א גוטע פאר שעה יעדן איינציגן וואך.

מו"ה יצחק יונה זאבעל הי"ו שרייבט די קהילה נייעס, וועלטליכע נייעס. און אזוי אויך די אפטיילונג פון "אלץ און אלעמען" ווער געשריבן דורך אים.

אונזער קאלעגער מו"ה בערל שניצלער הי"ו שטעלט אהער וועכנטליך "א ווארט צוויי", דאס נעמט אריין גאנץ אסאך ארבעט יעדן איינציגן וואך.

אונזער חשובער און באליבטער דיין שליט"א איז מנדב פון זיין טייערע צייט און שרייבט וויכטיגע הלכות וואס איז נוגע ביי יעדן אידישן שטוב. דער אויפטייפער פונעם היכל הלכה ווינקל איז מו"ה יודל פעלדמאן הי"ו וואס שטילערהייט אין די שעות פון נאכן לערנען און העלפן אינדערהיים זיצט ער און טייפט אויף די הלכות.

מ. מאנן שטעלט אהער דעם הערליכן פארזעצונג וואס לויפט די לעצטע שטיק צייט יעדע וואך אינטערן נאמען "פשרה'לאז".

ערגעץ אין א ווינקל זיצט זיך אונזער חבר הנהלה מו"ה משה ראזענבערג הי"ו און איז מנדב פון זיין צייט יעדן טאג פון די וואך, און זאמעלט בילדער וואס איז ראוי אריינצוגיין אינעם בלעטל, און סוף וואך שטעלט ער עס צאם הערליך שיין, כדי צו מהנה זיין דעם ציבור, אז אלע זאלן קענען מיטהאלטן וואס ס'האט זיך אפגעטון די גאנצע וואך אין אונזער הערליכע קהילה.

ואחרון אחרון חביב אונזערע געטרייע מגיהים מו"ה אברהם יצחק אייזנער הי"ו און מו"ה ישראל קרויס הי"ו אשר נדבה רוחו אותו, האבן זיי אפגעמאכט אז זיי גייען מגיה זיין דעם בלעטל פון אנהייב ביזן סוף, כדי עס זאל ארויסקומען א דבר השלם, עס זאל פשוט זיין געשמאק צו ליינען, מ'זאל זיך נישט אנשטויסן און טעותים, וואס דאס קען זייער שטערן דאס ליינען.

מיט דעם וואס די וואלאנטירן זענען מנדב זייער הערליכע נדבה פארן כלל, זענען זיי פשוט מקיים דאס וואס שטייט די וואך אין די סדרה "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", די שטוב בלייבט א הייליגע שטוב וואו די שכינה קען רוען, ווייל מ'ליינט נאר הייליגע זאכן, ערליכע מאטריאל פון וואס די צדיקים האבן אונז צו פארקויפן.

אזוי ווי מיר האבן זיך שיין באדאנקט ביים "בלעטל" אויסגאבע פאר די אלע וואס זענען מנדב פון זיך פארן כלל, און העלפן דעם בלעטל אויף א וועכנטליכע אופן, אזוי ווי ס'שטייט די וואך אין די סדרה פרשת תרומה, אז יעדער האט געברענגט זיין נדבה פארן משכן, וועלן מיר דא אויך ביים **אינדערהיים** אויסגאבע שרייבן א דאנק פאר די אלע וואס שטעלן אהער הערליכע ווערק כדי צו העלפן האלטן ריין די אידישע שטוב.

צום ערשט שיינט זיכער ארויס דעם געוואלדיגן שרייבער ש. טראכטער וואס שטעלט צו א הערליכע ארטיקל יעדן איינציגן וואך, פילט מיט תוכן און טעם, פון וואס מ'הערט צוריק גאר אסאך. אזוי אויך לויפט א וועכענטליכע פארזעצונג מיטן נאמען "ווער בין איך" פון וואס די ליינער האבן גאר שטארק הנאה, און ס'איז אנגעפולט מיט תוכן.

דערנאך איז דא וועכענטליך די הערליכע מייסטערישע גראמען פון ש. ל. פליישמאן, וואס באשרייבט די וועכענטליכע שיעור פונעם ראש ישיבה

**אברהם הערש וועבערמאן**

שליט"א געגעבן פאר די אידישע שטוב מיט גאר שיינע און קונצליכע גראמען, פון וואס מ'באלעקט זיך ממש די פינגערס, און מ'וויל עס פשוט איבערליינען נאכאמאל.

אויך לויפט די הערליכע און הייליגע אפטיילונג "הער א מעשה" גאר וואונדערליכע מעשיות פון תפילה, וואס די ליינער שיקן אריין און געבן איבער זייער פערזענליכע מעשיות פון וואס זיי האבן געבעטן דעם אייבערשטן און זענען געהאלפן געווארן. דאס ווערט געשריבן דורך דעם שרייבער ל. וועבערמאן.

דערנאך איז דא די געשמאקע ארטיקלען פון ג. פעקעטע, מ. פאפנהיים, און ל. וועבערמאן וואס שיקן אריין יעדע שטיק צייט א פרישן ארטיקל, וואס ווער ס'פארשטייט איז אסאך שווערער פאר א אידישע מאמע זיך אוועקצוזעצן און שרייבן אן ארטיקל, ווייל מ'איז ברוך השם פארנומען מיט די שטוב ווערטשאפט און אלעס ארום, אבער דאך שיקן זיי אריין פון צייט צו צייט זייער הערליכע נדבה, פון וואס אלע האבן גאר שטארק הנאה און קוקן שוין ארויס דערויף.

ואחרון אחרון חביב דארף ווערן ארויסגעברענגט א ספעציעלע דאנק פאר ח. פ. וועבערמאן פון ארץ ישראל, וואס טייפט אויף אלע האנט געשריבענע ארטיקלען, וואס דאס פארשטייט זיך נעמט אסאך צייט.

מיט דעם וואס די וואלאנטירן זענען מנדב זייער הערליכע נדבה פארן כלל, זענען זיי פשוט מקיים דאס וואס שטייט די וואך אין די סדרה "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", די שטוב בלייבט א הייליגע שטוב וואו די שכינה קען רוען, ווייל מ'ליינט נאר הייליגע זאכן, ערליכע מאטריאל פון וואס די צדיקים האבן אונז צו פארקויפן.

אזוי ווי מיר האבן זיך שיין באדאנקט ביים "בלעטל" אויסגאבע און ביים "אינדעהיים" אויסגאבע פאר די אלע וואס זענען מנדב פון זיך פארן כלל, און העלפן דעם בלעטל אויף א וועכנטליכע אופן, אזוי ווי ס'שטייט די וואך אין די סדרה פרשת תרומה, אז יעדער האט געברענגט זיין נדבה פארן משכן, וועלן מיר דא אויך ביים **קינדערהיים** אויסגאבע שרייבן א דאנק פאר די אלע וואס שטעלן אהער הערליכע ווערק כדי צו האלטן אונזערע טייערע קינדערלעך ריין און הייליג, זיי זאלן ליינען ערליכע ליין מאטריאל וואס איז געבויעט אויף צדיקים.

ווען עס קומט צו שרייבן א דאנק פון די וואס זענען זיך מתנדב און געבן זייער צייט פאר די הצלחה פונעם קינדערהיים אויסגאבע וועט רוב פונעם דאנק זיך באציען אויף איין איד, וואס דאס איז מו"ה שמואל בער שניצלער הי"ו וואס רוב ארבעט ווערט געמאכט דורך אים. אנגעהויבן מיט אהערשטעלן דעם רבינ'ס חדר, וואס אין דעם ליגט א שיחה אין א בילד, ברסלב'ע חידות, א שטיקעלע ספר המדות (וואס איז געווארן געשריבן דורך אונזער מנהל התלמוד תורה מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א) געב א שמייכל (וואס ווערט אריינגעשיקט דורך הרב אלחנן רוטה שליט"א).

דערנאך שטעלט ער אהער דעם שרייב טישל, וואס איז צאמגעשטעלט פון צוויי בילדער, איינס איז צו טרעפן דעם בילד וואס ליגט אינטער די שורות. און די צווייטע בילד איז צו קאלירן א שווארץ און ווייסע בילד וואס ווערט געטוישט יעדע וואך.

ועל כולם דעזיינט ר' שמואל בער דעם הערליכן קינדערהיים דעקל, וואס אגב די לאגא איז אויך געווארן פאבריצירט דורך אים. מיר וואונטשן אים אלע אסאך נחת פון די אייגענע דורות.

דערנאך שיינט ארויס די הערליכע קליין און שיין אפטיילונג וואס ווערט צאמגעשטעלט דורך די חשובע קינדער, וואס שיקן אריין זייער הערליכע מייטערווערק וואס זיין האבן צאמגעשטעלט ביי זיך אינדערהיים. פון דארט גייט עס אריבער צו מו"ה שמעון עוזר פערל הי"ו ומשפחתו פון ירושלים עיר הקודש, וואס זיי לייגן אריין שיין יעדן בילד אין פלאץ.

לעצטענס איז אויך צוגעקומען א פרישע אפטיילונג אינטערן נאמען "היימיש" וואס דאס איז א מעשה געשריבן פאר די חשובע תלמידות, און אזוי אויך איז דא א מעשה פון א צדיק וואס די יארצייט געפאלט יענע וואך. און פון צייט צו צייט איז אויך דא א מעשה פאר די אינגלעך אינטערן נאמען "דער מלמד דערציילט". דאס אלעס ווערט געשריבן דורך א שרייבער וואס איז נאך ביזדערווייל אינטערן נאמען "הרוצה בעילום שמו", די שרייבער זוכט נישט צו בויען א קאריע, א גוטע נאמען, אז יעדער זאל וויסן איך בין א מעכטיגע גוטע שרייבער, נאר וויל פשוט די תועלת פון די זאך, אז די חשובע קינדער זאלן האבן גוטע ערליכע ליין מאטריאל.

אזוי אויך איז דא לעצטענס א נייע אפטיילונג "טרעפליך" א בילד געמאלן דורך א תלמידה בית פיגא ר. וועבערמאן, זי לייגט אריין אינעם בילד אינטערעסאנטע מצבים, כדי די קינדער זאלן דאס באטראכטן פאר א לענגערע צייט און הנאה האבן.

דא איז די פלאץ זיך צו באדאנקן פאר אלע וואס האבן מנדב געווען און אהערגעשטעלט ארטיקלען וכדומה במשך די אלע יארן, וואס אסאך פון די לויפט שוין נישט לעת עתה, אבער האט אין יענע צייט מחי' געווען די ליינער, א שטייגער ווי די אפטיילונג "מענטשערליך" וואס איז געווען צאמגעשטעלט דורך צוויי חשובע פרויען מ. שטיינבערג און הרוצה בעילו שמו. אזוי אויך איז געלאפן א לאנגע צייט די אפטיילונג פון משפחת גליק געשריבן דורך ל. סאקס. די זכות איז גאר גרויס, און דאס וועט זיי באגלייטן לנצח נצחים.

*ויקחו לי תרומה*

# בנין
# היכל הקודש ברסלב
# באומאן

8 Bilotserkivs'ka, Uman, Cherkasy Oblast, Ukraine, 20300

# אומאן ראש השנה תשפ״ז

מיטן אייבערשטנס הילף גרייטן מיר זיך אויף אומאן ראש השנה תשפ״ז, פאלגענד זענען
די אנווייזונגען ווי אזוי צו דינגען א בעט אינעם בנין פאר דעם קומענדיגן יאר הבעל״ט

## איינשרייבן:

צו רעזערווירן אייער בעט אינעם בנין, אדער צו
צוזאמשטעלן א גרופע פאר א שטוב, דארף מען
אריינרופן ״ביז ראש חודש ניסן״

| ארץ ישראל | חוץ לארץ |
|---|---|
| ר׳ יצחק שמואל פרענקל הי״ו | ר׳ מרדכי ראזנבערגער הי״ו |
| 0548456150 | 845-825-3550 |

און אריינגעבן אז איר ווילט אייער בעט.

ביז ראש חודש ניסן וועלן מיר אי״ה פראבירן צו האלטן פאר אייך איר זאלט קענען דינגען די זעלבע בעט פון פאריגע יאר.

## דעדליין:

אייער בעט דארף זיין אויסגעצאלט ״ביז ראש חודש סיון״, אלע בעטן וואס זענען נישט באצאלט
ראש חודש סיון פאלן ארויס די בעניען און מען וועט זיך דארפן פון פרייש איינשרייבן.

די בעטן וועלן דארפן ווערן באצאלט אויף איינמאל מען וועט נישט קענען מאכן קיין פעמענטס

## פרייזן:

| ערשטע שטאק | צווייטע שטאק | דריטע שטאק | פערטע שטאק |
|---|---|---|---|
| $1,300 | $1,200 | $900 | $800 |

## מען קען באצאלן ביי:

| אמעריקא | | ארץ ישראל | ענגלאנד |
|---|---|---|---|
| ר׳ מרדכי ראזנבערגער הי״ו | ר׳ יחזקאל סאמעט הי״ו | ר׳ יצחק שמואל פרענקל הי״ו | ר׳ שמחה בלאק הי״ו |
| 845-825-3550 | 347-452-1936 | 0548456150 | 07388-582-855 |

**דער רבי זאגט: ״ראש השנה ביי מיר אין גרעסער פון אלעס, קיינער טאר נישט פעלן!״**

#מה_נשתנה

מיר ווילן אייך לאזן וויסן
אז איר ווילט עס נישט מיסן
עס גייט פיין ראש חודש ניסן!

?OKII

*sruliHeskel

# קוֹל הַבְרָה

## כיבוד אב ואם

א גוטן ר' אברהם הערש, דער דירעקטאר פון דעם בלעטל. איך האב מורא'דיג שטארק הנאה פון די בלעטל, ס'איז מורא'דיג תוכן'דיג, גיי ווייטער אן מיט א שטארקייט.

איך האב געהערט די אינטערוויו ביי די ברסלב'ע ברודער שמועס מיט מו"ה ישראל העסקעל הי"ו, ער זאגט דארט אז ער ווייסט נישט אויב ער גייט געבן אן אינטערוויו אין די בלעטל, ער האט נישט עכט געקענט דעם זיידן, למעשה האט ער אהערגעשטעלט א הערליכע אינטערוויו מיט זכרונות פונעם זיידן, עפעס נעקסט לעוועל.

איך האב געוואלט צולייגן א מעשה צו די גאנצע ארטיקל. איך בין געווען באזוכן מיין זיידע, א חשוב'ער איד פון קרית יואל, מו"ה שלמה גליק הי"ו, האט ער מיר דערציילט אז ווען ער איז געווען אין ישיבה אין סאטמאר, איז געקומען אמאל רבי אליקים שלעזינגער זי"ע רעדן א דרשה. דעמאלט איז געווען די מעשה אין סאטמאר ווען געוויסע אידן, וואס פלעגן מיינען אז זיי זענען קלוגער פונעם רבי'ן, זיי ווייסן בעסער וויאזוי צו טון קנאות, און דער רבי האט געוואלט ער זאל רעדן צו די בחורים וועגן דעם אז מ'דארף פאלגן א צדיק און נישט זיין קלוגער, אזוי האט מיר מיין זיידע פארציילט.

האט זיך רבי אליקים אויפגעשטעלט רעדן צו די בחורים, ער האט דערציילט אזא מעשה.

ער איז געווען אמאל אין לאנדאן ביי א פייער. זעט ער ווי ס'שטייט דארט דער פייער טשיף, פאר צען מינוט איז ער געשטאנען און געקוקט פון די זייט און פון יענע זייט, און ער האט זיך געוואונדערט פארוואס לעשט מען נישט? ער איז געשטאנען און געקוקט פאר צען מינוט פון אלע זייטן, און נאך צען מינוט האט ער געגעבן א באפעל פאר אלע פייערלעשער צו אנהייבן לעשן דעם פייער, נאך פופצן מינוט איז די פייער געווען פארלאשן.

ער האט ארויסגענומען א מורא'דיגע מוסר השכל פון דעם. אסאך מאל א מענטש מיינט ער ווייסט וואס צו טון אין עבודת השם, אדער אין ביזנעס, ער ווייסט וויאזוי צו טון זאכן. אויב דו גייסט טון ווילדע זאכן, וועט די פייער ווערן שטערקער. ס'איז דא איינער וואס ווייסט, ער באטראכט די בילד, ער ווייסט וויאזוי צו זען אן ערליכע זאך, און וויאזוי ער זאגט, אזוי טוט מען נאכדעם.

מען מוז ווארטן אויף א באפעל וויאזוי א צדיק זאגט. אזא מעשה האט מיר מיין זיידע דערציילט, ער איז געווען אין ישיבה דעמאלטס.

אגב, אז מ'רעדט פון די ארטיקל, ישראלי ברענגט אויך אראפ דאס אז דער זיידע זי"ע האט געלערנט ביים הייליגן חזון איש זי"ע, האט מיר מיין זיידע דערציילט א שיינע מעשה פון חזון איש.

ס'איז געקומען אמאל א איד צום הייליגן חזון איש, אז די דאקטורים זאגן אז ער איז זייער נישט געזונט און ער גייט אוועקגיין פון די וועלט. האט אים דער הייליגער חזון איש געפרעגט וויפיל געלט ער האט געצאלט פאר זיין טעקסי אהערצוקומען. האט ער געזאגט אפאר פונט, "איך פארשטיי נישט", האט אים דער הייליגער חזון איש געפרעגט "דו צאלסט געלט און דו קומסט צו מיר, איך בין א מענטש וואס איז פארנומען, אפשר גיי איך דיר אפילו נישט ענטפערן, אפשר יא און אפשר נישט. און ווער זאגט אז מיין ברכה גייט ווערן אנגענומען? וואס פון די אנדערע זייט האסטו א ברכה וואס שטייט אין די תורה, כיבוד אב ואם ברענגט אריכות ימים."

האט ער געפרעגט דעם איד אויב ער האט עלטערן. האט ער געזאגט יא. האט ער געפרעגט, "גייסטו באזוכן די עלטערן?" האט ער געזאגט ניין. האט ער געזאגט, "איך הייס דיר גיין יעדע וואך באזוכן דיינע עלטערן, וועסטו האבן א רפואה שלימה." און אזוי איז טאקע געווען, דער איד האט געהאט א רפואה שלימה.

א גרויסן יישר כח פאר די בלעטל, ס'איז זייער שיין. און אויך אן עקסטערע דאנק פאר די פשרה'לאז מיט די אנדערע ארטיקלען פון אינדערהיים, ס'איז זייער זייער אינהאלטסרייך, ס'איז מורא'דיג מיט אן אמונת חכמים. בקיצור, גיי ווייטער אן מיט א שטארקייט און הצלחה רבה.

*אברהם ראטענבערג קרית יואל*

שיקט אריין אייער קול הברה צו editor@bletelmagazine.com - 845-379-1161

# איבער רבי אליקים זי"ע

לעצטע וואך האבן ענק געהאט אן אינטערוויו מיט אן אייניקל פון רבי אליקים זכר צדיק לברכה. איך וויל אייך זאגן פון מיין קוק ווינקל. איך האב ברוך השם געהאט די זכיה זיך צו דרייען דארט בפועל ממש. פארשטייט זיך אז ס'איז דא מענטשן וואס זענען געווען מער ווי מיר. איך בין געווען ברוך השם ביי זיינע שמועסן, געדאווענט מיט אים. די זאך איז אז וויבאלד איך דריי מיך ברוך השם ביים ראש ישיבה, האט די גאנצע זאך אן אנדערע בליק ביי מיר.

אזוי ווי אין היכל הקודש איז דא אזא זאך קענסט קענען דעם ראש ישיבה, קענען מוהרא"ש אבער באמת נישט וויסן די שכל פון די פלאץ. אזוי איז אויך געווען ביי דעם צדיק, קענסט זיין זייער נאנט און נישט כאפן וואס דער מענטש וויל דא.

איינע פון די שטארקע זאכן וואס איך האב געזען ביי אים איז די זאך פון זיין דבוק צו זיינע רבי'ס מיט אן אמת! למשל, ער האט געלערנט א שטיק צייט ביים הייליגן מהרי"ץ דושינסקי זי"ע, א גאנץ לעבן האט ער אים גערופן דער רבי דער רבי. ער פלעגט זיך קאכן אין די קדושה פון די מהרי"ץ זי"ע אז ער פלעגט נישט אן רירן די האר ביים לערנען.

בעיקר האט ער זיך געדרייט ביים רב, וואס דאס איז געווען דער הייליגער בריסקער רב זי"ע. ער פלעגט אזוי הייליג רעדן פונעם בריסקער רב. סאיז געווען אזויווי ער זעט אים יעצט. ווען איך פלעג אים הערן רעדן פון זיינע רבי'ס האט דאס אויסגעקוקט אזויווי ער זעט זיי יעצט בפועל.

ער פלעגט דערציילן פון די שמחת המצוות פונעם בריסקער רב אז נאך די מצה באקן האט זיין פנים געשטראלט און געשיינט. דער בריסקער רב מחמת גרויס שמחה האט דאן געטיילט ברכות. ער האט גערעדט פונעם בריסקער רב זי"ע די אמת'ע דביקות און איבערגעגעבנקייט צו יעדן מצוה אין הלכה מיט אן אמת, און אלס איז געווען מיטן זעלבן פנים אז ס'האט אויסגעקוקט אז ער זעט אים ממש.

ביי די לויה האט א זון דערציילט אז ער איז געקומען צום בריסקער רב בעטן א ברכה אויף גוטע קינדער, און בשעת מעשה האט ער שטארק געוויינט. האט דער בריסקער רב גערופן זיינע קינדער און געזאגט קוקטס אזוי דארף מען בעטן פאר די קינדער.

איך האב נאך זייער אסאך צו דערציילן, איין זאך וויל איך אייך זאגן דערווייל אז היות איך הער ברוך השם די שיעורים פון דער ראש ישיבה האב איך פארשטאנען זיינע שמועסן מיט אן אנדערע משמעות. די טייטש פון דביקות אין צדיקים. ער האט געשריגן אמונה! אמונה! אמונה! אמונה, מיט א פלאם פייער ממש ביז זיינע לעצטע יארן. ער האט געקאכט מ'האט נישט געקענט בלייבן די זעלבע נאכן הערן זיינע ווערטער. איך זאג אייך נאר ממש אויפן שפיץ גאפל. איך האב מיר אזוי געזען דערין נאכן הערן די שיעורים אין היכל הקודש.

די זאך אז ס'איז דא דא אן ערליכער איד וואס גיבט איבער וואס ער האט געהערט פון פריעדיגע צדיקים מיט די גאנצע קנאק איז נישט געוונג אז מענטשן זאלן זיך כאפן קומטס הערן וואס מ'האט דא.

ליידער ליידער איז ער געווען ללעג ולקלס ביי אנדערע אזויווי ביי אלע אנדערע צדיקים.

ער האט גערעדט פון קדושה וטהרה. נעגל וואסער. ער פלעגט אליין אנגרייטן די נעגל וואסער פאר די קינדער ווייל ער האט מורא געהאט טאמער וועט איינער פארגעסן צו אנגרייטן. זיי האבן געהאט אסאך געשוויסטער קע"ה פלעגט ער איבערדעקן די נעגל וואסער אז סזאל נישט זיין גלוי. אבער די נקודה אז ער האט געלעבט מיט די סארט ענינים מיט קדושה וטהרה. פון די אנדערע זייט איז ער געווען אזוי גוט און לייכט מיט זיינע אייניקלעך ער האט געקענט לאכן אין זיך דזשאוקן מיט זיי.

זיין לערנען איז געווען א קאך, סאיז נישט צו באשרייבן. די דאווענען איז געווען מיט אזא נעימות ס'איז געווען מיט אן אמת! א ריח גן עדן. לעצטענס האט ער נישט געקענט הערן אזוי גוט, האט מען געקענט הערן ווי ער דאוונט שטילע שמו"ע למשל שבת'דיגע דאווענען האט ער געדאווענט מיט אזא אמת'ן חן אתה קדשת את יום השביעי לשמך מיט א קאך.

דער עיקר דארף מען זיך אפלערנען אז מ'דארף האבן אן ערליכן איד וואס מ'איז דבוק צו אים, און מ'פאלגט אים יעדע זאך וואס ער זאגט.

*י. הורוויץ*

# קהילה נייעס




## קרן הדפסה גרייט זיך אויף יום טוב פורים

אין די אפיסעס פון קרן הדפסה היכל הקודש איז מען שטארק פארנומען אין די טעג.

עס איז דא אסאך ארבעט א גאנץ יאר, אבער ווען מען שטייט אין די הייליגע ד' פרשיות וואכן, און דערמיט די פרייליכע ימים טובים פון פורים און פסח, דארף מען צוגרייטן אסאך סחורה, ווייל די מפיצים לאזן נישט נאך, און די פארלאנג איז גאר גרויס.

דערפאר גייט מען אן בסייעתא דשמיא מיט גרויס פלייס צו דרוקן די הייליגע ספרים וויפיל מען קען, כדי די מפיצים זאלן האבן געווג אז יעדער איד באשר הוא שם זאל קענען זיך מחזק זיין דערמיט און האבן מיט וואס אריינצוגיין אין די הייליגע טעג, און זיך אנפילן מיט אמונה, שמחה און חיזוק.

פון דעם ארדערס דעפארטמענט דערציילט מען אויך אז עס קומען אריין באשטעלונגען פון אלע עקן וועלט פון אידן וועלכע ווילן האבן די ספרים אין שטוב, זיך מחיה זיין דערמיט און זיך צוגרייטן דערמיט צו די פרייליכע ימים טובים הממשמשים ובאים.

צווישן די ספרים אויף פורים אין קרן הדפסה געפינען זיך:

**מגילת אסתר עם פירוש גנזי המלך** - א שיינער און קלארער פירוש אויף מגילת אסתר געשריבן דורך מוהרא"ש זי"ע, וואס ברענגט אריין די מעשה פון מרדכי ואסתר אויף למעשה מיר זאלן קענען ארויסנעמען דערפון חיזוק און עצות טאג-טעגליך.

**א פרייליכן פורים** - א הערליכער קונטרס פון מוהרא"ש זי"ע אויף אידיש איבער דעם גרויסן טאג פורים.

**שמחת פורים און פורים שמח** - הערליכע קונטרסים פון מוהרא"ש זי"ע אויף לשון הקודש וואס וועלן אייך העלפן מאכן די ריכטיגע הכנה וויאזוי אויסצונוצן די פרייליכע טעג.

**הפצה קארטל אויף פורים** - קויפט א פעקל קארטלעך צו קענען מפיץ זיין און דערפרייען א צווייטן איד מיט די זיסע דרשות פון ראש ישיבה שליט"א.

אין די זעלבע צייט דרוקט מען אין פולן שוואונג די פסח ספרים. צווישן זיי די הגדה של פסח אור זרוע אויף אידיש און אויף לשון הקודש און נאך פילע נייע און אלטע ספרים און קונטרסים פול מיט אמונה און חיזוק.

מען קען באקומען די און אלע אנדערע ספרים ביים קרן הדפסה היכל הקודש, ביי די מפיצים אדער ביי ברסלב סענטער וואס שיקט ארויס ארדערס איבער די גאנצע וועלט.

*ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר*



## תלמידי תלמוד תורה היכל הקודש מאכן א קידוש השם אין מאנסי

אין די טעג זענען די טייערע תלמידים, די תינוקות של בית רבן פון תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל, ארויסגעפארן אויף א נסיעה קיין מאנסי. זיי זענען געווען באגלייט דורך די איבערגעגעבענע מלמדים, הר"ר יואל טייטלבוים שליט"א און הר"ר לוי יצחק ווערטהיימער שליט"א.

דורכאויס דעם באזוך האבן די קינדער געהאט די זכיה צו מתפלל זיין ביי די הייליגע ציונים פון דעם ריבניצער רבי'ן, דעם וויזשניצער רבי'ן, דעם סקולענער רבי'ן, און נאך אנדערע גרויסע צדיקים זכותם יגן עלינו. די קינדער האבן אויסגענוצט די געלעגנהייט אויסצוגיסן דאס הארץ פארן באשעפער מיט תמימות און פשטות. זיי האבן מתפלל געווען און געבעטן אויף אלע זייערע באדערפענישן אין זייער אייגענע שפראך, וויסנדיג דעם גרויסן כח פון רעדן צום אויבערשטן ביי קברי צדיקים, וואו מ'קען פועל'ן ביים אויבערשטן גאר גרויסע זאכן.

דערנאך זענען די קינדער געגאנגען מנחם אבל זיין ביי משפחת לעווי, וואו מו"ה ברוך עזריאל לעווי הי"ו איז געזעצן שבעה אין מאנסי נאך זיין טייערן ברודער מו"ה יואל ע"ה, וועלכער איז ליידער פלוצלינג אוועק אין א יונגן עלטער.

די קינדער האבן זיך אויפגעפירט מיט א געוואלדיגע דרך ארץ און האבן מחזק געווען די משפחה מיט ווערטער פון אמונה און חיזוק. נאכדעם האבן זיי געזונגען הארציגע ניגונים פון אמונה און בטחון.

די ווערטער און די ניגונים פון די קינדער האבן איבערגעלאזט א שטארקן רושם אויף די אנוועזנדע. די מענטשן דארט האבן באמערקט ווי שטארק זיי זענען נתעורר געווארן פון די ריינע דיבורים פון די זיסע קינדער, וואס לעבן מיט אמונה פשוטה און א קלארע ידיעה אז אלעס קומט פונעם אייבערשטן.

ביי דעם באזוך איז אויך אנוועזנד געווען הגה"צ קאפישער רב שליט"א, וועלכער האט אויפגעטרעטן מיט ווארימע רייד פאר די קינדער און די גאנצע משפחה. דער רב האט אויסגעדריקט זיין טיפע התפעלות פון די קינדער, זייענדיג זייער אויסערגעוויינליכע איידלקייט און ריינע תמימות.

דער רב האט ארויסגעברענגט אז די קינדער, מיט זייער אמת'ע אמונה און בטחון, זענען די וואס פילן אן דעם גרויסן חלל וואס דער שווערער פארלוסט האט איבערגעלאזט. ער האט באטאנט אז נאר אמונה און בטחון קענען באגלייטן א משפחה אין אזעלכע שווערע צייטן, און נאר דאס גיט די כוחות איבערצוקומען דעם גרויסן צער.

די משפחה האט אויסגעדריקט א טיפע דאנקבארקייט פאר'ן חשוב'ן באזוך, און אלע אנוועזנדע זענען ארויס מיט א געוואלדיגע התחזקות און נייע כוחות, אנגעפילט מיט אמונה אינעם אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מ'זאל ווייטער נאר הערן גוטע בשורות, שלא ישמע עוד שוד ושבר בגבולנו, און מיר זאלן זוכה זיין צו הערן נאר בשורות טובות אמן.

*א קידוש השם*

# א ווארט צווייי

שיקט אריין אייער ווארט צווייי צו
avorttzvei@bletelmagazine.com

## עבודת הבית

אינסטרוקציעס פאר א אידישע
שטוב צו ווערן ניצול מכל צרה:
מאך זיכער צו ליינען קריאת שמע
אין דיינונג רום, קישן די מזוזה ביים
שלאף שטוב, און שמייכלען אין קאך.

**– דער ראש ישיבה אין א מעסעדזש פארן שטעטל**

## לא לפחד

פארוואס הייסט עס ערד
ציטערניש, ווייל מען זאגט:
ערד, ציטער נישט....

**– א תלמיד היכל הקודש ביים בראויזגן זיין טאכטער'ל ווען זי האט מורא געהאט פון אן ערד ציטערניש**

## איראניש

נאך די לעצטע סטראשערייען פון
איראן האט טראמפ געסטראשעט
איראן אז אויב זיי גייען נאך איינמאל
סטראשענען וועט ער גיין אין קריג מיט
זיי זיכער צו מאכן אז זיי סטראשענען
מער נישט. ער האט אויך צוגעלייגט אז
דייט סטראשעראציעס איז אריין אין
אפעקט איז נאכנישט געווען איינער
וואס קען אזוי גוט סטראשענען ווי
אים. איראן האט געענפערט אז ס'איז א
בלויזע סטראשע און זיי גייען ווייטער
אן מיטן סטראשענען אזוי ווי ביז יעצט.
און דער וואס הערט די נייעס האט
געכאפט א ציטער יעדעס מאל די
ווארט סטראשע איז דערמאנט
געווארן...

**– שמואל אייכנשטיין אין א ליצנות ד'נייעס ארטיקל**

## שלחן ערוך אידן

אין שולחן ערוך זעט מען זייער אסאך הלכות פאר 'די נישט קאנסיסטענט
אידן', אזוי פיל הלכות רעדט זיך פון איינער וואס האט 'אויסגעלאזט' 'פארגעסן'
'פארפאסט' וכדו', זעט מען אז די סארט מענטשן וואס פארן נישט ווי ראבאטס,
זיי פארגעסן, זיי פארפאסן, זיי לאזן אויס, זיי זענען א חלק פון די תורה, דאס איז
נישט "ארויסגעפאלענע אידן" זיי קענען זיין "שלחן ערוך אידן"...

**– ר' משה ארי' שניצלער אויף קול ברסלב**

## א גוטע וואך - עצתן אמונה

מוהרא"ש האט שוין פאראויס געשריבן...

**– ר' אייזיק אפפעל**

**ז' קנב.**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר מַטּוֹת־מַסְעֵי ה'תשמ"ה.

שָׁלוֹם אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

לְנָכוֹן קִבַּלְתִּי אֶת מִכְתָּבְךָ.

בִּדְבַר שֶׁשָּׁאַלְתָּ עֵצָה אֵיךְ לְהַתְחִיל שָׁבוּעַ טוֹב בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ?! עֲצָתִי אֱמוּנָה, שֶׁתֵּכֶף־וּמִיָּד אַחַר הַבְדָּלָה תִּתְחַבֵּא, וּתְבַקֵּשׁ

ספר הקדוש אשר
בנחל פונעם
ערשטן דרוק,
געטערפן אין
ביהמ"ד ספרעניש
פרטוגזש (אויך
באקאנט אלס א
זאל) אין קאנאדא
דורך המפיץ ר'
שלום אינדיג,
ווארשיינליך
אנגעקומען אהין
דורך א מפיץ יארן
צוריק



זאצן וואס
פארדינען
שטרעכלער

**• בערל שניצלער**

## טאטי! דף!

מרגלא בפומיה פונעם ראש ישיבה שליט"א דער ווארט פונעם הייליגן בעלזער רב זי"ע, ער פלעגט זאגן - ווען מ'האט אים געזאגט א גוטע וואך: "א גוטע וואך איז א דף גמרא: (כלומר 'א גוטע וואך' וועט זיין ווען דו לערנסט א דף גמרא, והבן הדיוק). איז אין אן אינטערעסאנטער פערצופאל, קומט אויס ביי מיר אין שטוב אז איך באקום גלייך נאך הבדלה א מעסעדזש פון הימל אז מען דארף לערנען א דף גמרא, מיינע קליינע קינדער שטייען ארום, זיי ווילן באקומען אביסל פון די הבדלה ווייך, און ווי נאר מען זאגט: "בא"י המבדיל בין קודש לחול", קומט גלייך: "טאטי! דף!" (אנשטאט טאטי' איך דארף גרעיפס דזשאוס זאגן זיי דעם אייגע ווארט "דף", והבן למעשה)...

**– ר' אברהם משה הכהן שטראססער**

## אנעקדאטן ארויסגענומען פון די שיעורים און שמועסן שבת קודש משפטים אין קרית ברסלב

רעדנדיג פון א בריוו אין עצתו אמונה ווי דער ראש ישיבה שרייבט אז ער וויל צוריקגעבן א חוב פון הונדערט טויזנט דאלער ווי אמשנעלסטנס אויב דער מלוה איז א מחלל שבת און אן עובר עבירות בפרהסיא האט דער ראש ישיבה געזאגט: "נו, ברענגט מיר איינער וואס איז גרייט אויפצוגעבן געלט פאר אזא זאך, הונדערט טויזנט דאלער איז נישט קיין גרינגע זאך שאפן", וסיים "דאס זעט מען נאר ביי מוהרא"ש, אז מען ליגט נישט אין געלט".

**– באטע**

•

„מענטשן ווילן זיין אדער א מלאך אדער א גלח, אדער זאג איך יעדן טאג ח"י פרקים משניות, אדער זאג איך נישט קיין איינס, מחצית השקל קומט אונז וווייזן אז מ'קען זיין אינמיטן, זאג מחצית ח"י פרקים, מחצית יום תהלים און אזוי ווייטער"...

**– שיעור סיפורי מעשיות**

•

„הלוואי זאל זיין דא כאטש איין פלאץ אין די וועלט וואו מ'מאכט זיך נישט נאריש מיטן געבן ריזיגע משלוח מנות, געב א עפל מיט א ציגערעטל וועיפער וואס מ'זעט אין די סטאר נאר פאר פורים"...

**– שמועס נאכן דף שיעור**

•

ביים דף האט מען גערעדט איבער א מענטש פון צוויי קעפ, בנוגע די הלכות פון לייגן תפילין. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז היינט זענען דא מענטשן וואס דרייען זיך ארום מיט אפאר קעפ, ער טראכט אלץ וואס יענער זאגט אויף מיר, אזוי ווי די פסוק זאגט 'הרכבת אנוש לראשינו'...

**– שמועס נאכן דף שיעור**

דער ראש ישיבה האט געזאגט

## נישט ענטפערן פאר א נישט איד

"קיינמאל נישט ענטפערן פאר א 'נישט איד' ווען זיי פרעגן עפעס פון אידישקייט! אויב מ'פרעגט זאלסטו זיך מאכן ווי דו קענסט נישט די שפראך אדער ענטפער 'איך ווייס נישט' און געגאנגען ווייטער..."

**– שיעור פאר בית פיגא**

# אײַרנו

די וואך האט די פלענינג באורד פון די טאון אוו ליבערטי דורכגערעדט די פלענער פונעם נייעם חדר בנין אויף קראס פארם לאט, דער פראיעקט וואס די הנהלה ארבעט שוין דערויף עטליכע יאר.

אין קורצן אראפצולייגן איז אז די DEC וואס איז אפיציעל געשטעלט אויף די וואסערן און קליינע טייכן, וואס איין אזא קליינע וואסערל פליסט דורך די לאט אויף וואס מען וויל בויען, איז נישט געווען צופרידן מיט איין קליינעם טייל פונעם פראצעדור וואס מען איז שוין דורכגעגאנגען מיט א יאר צוריק ווען די ערשטע אפראוועל איז געגעבן געווארן, און זיי האבן געבעטן אז צוליב וואס מען האט געטוישט אביסל די פלענער, דארף מען איבערמאכן דעם דאזיגן קליינעם חלק פונעם אפליקעישאן, וואס דאס האט געצוואונגען דעם גאנצען פראיעקט צו באזוכן נאכאמאל ביים פלענינג באורד, ב"ה אז עס איז דורכגעגאנגען ביי די באורד אן קיין איבעריגע שטערונגען.

אין אנדערע נייעס פונעם פלענינג באורד וואס וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף ארויסהעלפן די אפראוועל פונעם פראיעקט, איז געמאלדן געווארן אז אנדערש ווי געווענליך קומט פאר די פלענינג באורד זיצונג אינעם ערשטן דינסטאג פונעם למספרם חודש. לויט דעם סדר היום איז כמעט קיינמאל נישט דא קיין פולע דרייסיג טעג צווישן איין מיטינג און דעם צווייטן. צוליב דעם, דארף מען געווענליך ווארטן ביז צוויי מיטינגען גייען אריבער איידער מען קען ענדיגן דעם פראצעדור און באקומען דעם פיינעל אפראוועל.

מיטן אייבערשטנס הילף איז געלונגען פארן חבר הנהלה מנחם שטיינבערג, ארויפצוברענגן א געדאנק אז היות דער קומענדיגער ערשטער דינסטאג פונעם גוי'אישן חודש למספרם געפאלט אויס אום פורים, האט ער געבעטן אפצושטופען די מיטינג מיט א וואך, וואס דאס מיינט אז עס וועט אפגעהאלטן ווערן אינעם צווייטן דינסטאג פונעם חודש. און עס איז באשטעטיגט געווארן דורך די מעמבערס פונעם באורד.

דאס מיינט אז מען שפארט נאך א חודש ווארטן ביז מען באקומט באשטעטיגונגס מיטן אייבערשטנ'ס הילף פאר פראיעקט וואס מען ווארט שוין א לאנגע צייט.

חברי הנהלה מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו און מו"ה מרדכי אהרן הײלפרין הי"ו זענען געזיצן ביי א זיצונג מיט קאונטי טשעיר פון די רעפובליקאנע פארטיי קאמיטע, וואס באשטימט ווער זאל לויפן פאר פארשידענע אמטן אינערהאלב די פארטיי, די זיצונג איז פארגעקומען נאך וואס די פארטיי האט געבעטן צו האבן א זיצונג מיט די לאקאלע אידישע קהילה צו וויסן וועלכע קאנדידאטן וועלן אונז גוט דינען און מיר וועלן שטיצן.

די זיצונג איז צושטאנד געקומען א דאנק וואס די קהילה האט א כמעט הונדערט פראצענט וואוטינג טורנאוט, וואס ברענגט דערצו אז די פארטייען זאלן זיין אינטערעסירט אין די שטימען אפילו מען רעדט פון א רעלאטיוו קליינע נומער פון שטימען.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז געלונגען פאר די חברי הנהלה די וואך צו באקומען צוויי סטעיט גרענטס פון פופציג טויזענט דאלער, נאך וואס מען האט געווארט אויף דעם שוין קרוב צו צוויי יאר און עס האט אויסגעזען ווי מען גייט נישט באקומען די געלט צוליב פראבלעמען וואס די סטעיט האט געמאכט. מיטן אייבערשטנ'ס הילף און מיט די תפילות פון אנשי שלומינו האפן מיר צו באקומען נאך א גרענט פון פופציג טויזענט דאלער אויף וואס מען ווארט אויך שוין פאר כמעט צוויי יאר.

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

**חברי הנהלה**

## טויזנט ווערטער



**די געטרייע הנהלה מעמבערס מו"ה מרדכי אהרן נ"י און מו"ה מנחם שטיינבערג נ"י אין אלבאני ביי א זיצונג**

## נייעס'לאך

די הנהלה איז אין די טעג פארנומען מיט די טשיילד קעיר פראגראם וואס מען דארף באקומען די געלט פון די סטעיט רעגירונג, ווען די רעגירונג האט געמאלדן אז זיי גייען נישט געבן די געלט ווייל די מוסד האט אריינגעגעבן געוויסע פאפירן שפעטער ווי א געוויסע דאטום. די הנהלה האט פרובירט אריינצושיקן דאקומענטן וואס ווייזן אז מען האט יא געשיקט בעפאר די אפיציעלע דעדליין. אבער די קאונטי האט דערוויל נאכנישט געגעבן די געלט.

דער חבר הנהלה מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו האט ארויסגערופן די פארנאכלעסיגונג פון די טשיילד קעיר פראגראם אנפירער צו העכערע באאמטע אין די סטעיט, וואס וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף העלפן אז מען זאל יא באקומען די געלט.

די טשיילד קעיר געלט וועט זיין א גרויסע הילף פאר די מוסד צו קענען אנגיין, אזוי ווי פאר אסאך מענטשן ווערט באצאלט זייער שכר לימוד מיט די געלט. און אויב די געלט קומט נישט אריין, באקומט נישט די מוסד שכר לימוד פון פולע עלטערן.

**ברוך השם די ארבעט אין די קהילה אפיס ווערט מער און מער, און מיט דעם קומט מיט אז מען דארף האבן נאך מיטארבעטערס ארויסצוהעלפן מיט די אפיס ארבעט.**

**צוליב דעם ווערט אין די טעג געזוכט נאך א סעקרעטערי פאר די קהילה אפיס כדי צו קענען אנקומען די טאג טעגליכע ארבעט.**

**אויב אינטערעסירט ביטע רופט אין אפיס אויף 845-539-0018**

# אלץ און אלעמען

פראגעס און
ענטפערס איבער
אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער



## אנערעקסיע

**שאלה**

א גוטן, איך וואלט געוואלט פרעגן א שאלה פון ר' גרשון קרעמער: וואו פונקטליך איז דאס "אנארעקסיע"?
איך הער אז דאס איז א שרעקליכע מחלה; מענטשן ווערן ממש אויסגעדארט און גייען אויס ווי א ליכט. וואס איז דאס "אנארעקסיע" און וויאזוי באהאנדלט מען עס?

**ענטפער**

אנארעקסיע איז א שווערע "עסן מחלה" וואס קומט כאטש אביסל פון דעם היינטיגן לעבנסשטייגער פון די אלגעמיינע וועלט פון לעבן פאר יענעם. די סביבה קען מאכן מענטשן פילן אז נאר די וואס זענען דאר און שיין זענען עפעס ווערד, און נאר זיי באקומען רעספעקט.

דאס קען אמאל פירן א מענטש צו אנטוויקלען געוויסע פאביעס, ער הייבט אן טראכטן: "אפשר בין איך נישט גענוג דאר? איך מוז פארלירן וואג." און וואס טיפער ער גייט אריין אין דעם, קען עס חלילה פירן צו אן עקסטרעמע מורא פון צונעמען וואג, וואס מאכט אז דער מענטש זאל זיך אפהאלטן פון עסן אויף א געפארפולן אופן. דאס קען חלילה ברענגען צו ערנסטע געזונט קאמפליקאציעס וואס זענען ממש א סכנה פארן לעבן.

אמאל קען זיך אנטוויקלען א סארט "שטילע אנארעקסיע," ווען א מענטש לעבט פאר אנדערע און דערקענט נישט זיין אייגענעם ווערד אין די פשוט'ע זאכן. מען פרובירט צו דערגרייכן זאכן וואס עקזיסטירן נאר אין די דמיונות, מען איז גרייט אלעס מקריב צו זיין אין לעבן נאר ווייל מען מיינט אז דאס וועט אים מאכן פאר א "יש" און אזוי וועט מען אים אקצעפטירן.

אבער דער מציאות איז, אז כשם שפרצופיהם אינם דומות, כך אין דעותיהם דומות. אויב דו וועסט צופרידנשטעלן איין מענטש, וועט א צווייטער האלטן פונקט פארקערט. און דאס איז א רעדל וואס ענדיגט זיך קיינמאל נישט.

אבער ווען א מענטש לעבט מיט'ן אייבערשטן, האט ער א תכלית אין לעבן, א ציל וואס ער קען דערגרייכן. ווען מ'וויל טון דעם רצון הבורא, ברענגט עס אן אמת'ע סיפוק הנפש. מ'הויבט אן צו ווערן פרייליך און מ'ווערט אויסגעלייזט פון אלע גייסטישע דרוק און סאציאלע שוועריגקייטן. מ'דארף שוין מער נישט אנקומען צו קיינעמ'ס הסכמה אדער 'אפראוועל' צו פילן גוט מיט זיך אליין.

פארשטייט זיך אז ס'איז אנגענעם צו הערן א גוט ווארט; דאס גיט אסאך צו און עס מוטיגט אונטער ווייטער צו גיין מיט כח. אבער ווען מ'לעבט מיט'ן אייבערשטן קען מען זיך אן עצה געבן, און דאס לעבן ווערט פיל גרינגער.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען עסן צו דער זעט ברוחניות ובגשמיות, און מ'זאל נישט מורא האבן פון די אייגענע שאטן.

האסט איר א שאלה?
קיק 13: 845-445-7447 - alemen@bletelmagazine.com

# משנכנס
# אדר מרבין
# נישט



# בשמחה.

*sruliHeskel

# מעשיות פון תפילה



**אהרן וועבערמאן** | קרית ברסלב

מיר זענען געווען אויפן וועג פון בית שמש צו יבנאל די פארגאנגענע וואך בין איך געווען אין ארץ ישראל כדי צו העלפן אוועקשטעלן די מרכז פאר מוסדות אין ארץ ישראל אין שטאט בית שמש. ביים צוריקקומען קיין ניו יארק שפעט ביינאכט, האב איך מיך דערזען אז איך האב נישט מיינע שליסלען פון די קאר וואס איז געווען געפארקט ביים עירפארט.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל וויסן וואס צו טון דא, איך וויל קענען אהיימגיין, און איך האב נאר די איין שליסל.

איך האב איבערגעדרייט מיין רענצל אבער ואיננו, דער שליסל איז נישט צום געפונען, ער האט זיך גוט באהאלטן פון מיר.

איך האב פרובירט אפאר עצות אבער דאס האט אויך נישט געהאלפן. ביזדערווייל שטיי איך אזוי אין די ציפעדיגע קעלט און איך ווארט אויף א ישועה. איך בעט ווייטער דעם אייבערשטן אויף א וועג ארויס פון מיין פראבלעם.

אזוי אינמיטן איז מיר בייגעפאלן צו פרעגן אונזער חבר וואס איז א חברים מעמבער מו"ה ליפא שווארץ הי"ו אויב ער האט עפעס א געדאנק אין אזא מצב.

זאגט ער מיר אז ס'איז דא אפאר מענטשן וואס קענען אהערשטעלן א נייעם שליסל. ער האט מיר געגעבן אפאר נומבערס. איך האב גערופן איינעם, און ער זאגט מיר אז ער קען עס מאכן, ער גייט אריבערקומען.

ב"ה אין פופצן מינוט איז ער דארט געווען, ער האט מיר אהערגעשטעלט א שפאגל נייעם שליסל. וואונדער איבער וואונדער.

**ישראל קרויס - אהרן בלוי** | יבנאל עיר ברסלב

מיר זענען געווען אויפן וועג פון בית שמש צו יבנאל די נאכט פונעם הייליגן יארצייט, אויך האבן מיר מיטגעברענגט א גרויסע צאל פון די נייע ספר ימי מוהרא"ש וואס האט געדארפט אנקומען בייצייטנס.

ממש פארן אנקומען האט די קאר אנגעהויבן מאכן א גרויסע רעש און ס'געווארן שווער צו דרייען די רעדל.

מיר האבן זיך אפגעשטעלט אין א געז סטעישאן און דער מענטש זאגט אונז אז אויב מ'פארט ווייטער אזוי קען עס צוברעכן די ענדזשין און מ'דארף רופן א שלעפער טראק.

מיר האבן זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל נישט זיין קיין עגמת נפש, און מ'זאל אפקומען ביליג. מיר האבן צוגעזאגט מפרסם צו זיין די מעשה אינעם בלעטל.

ברוך השם, קודם האט מען געטראפן א היטש פאר אלע מיטרייזנדע ביז יבנאל און ער האט מיטגענומען אלע ספרים.

אביסל שפעטער איז אנגעקומען א איד וואס קען זיך אויס מיט קארס און ער האט געזאגט אז מ'קען ווייטער פארן נאר זייער שטאט און פארזיכטיג, אבער ס'גייט נישט ערגער מאכן.

ברוך השם קודם איז מען נישט געבליבן דארטן סטאק פאר די נאכט און דעם קומענדיגן טאג האט מען געטראפן איינער וואס האט עס פארראכטן פאר האלב די פרייז און האלב די צייט פון וואס אנדערע האבן געזאגט.

שכח אייבערשטער.

# נאר בשמחה!



מתנות
לאביונים
בו ביום

עניי עירך קודמים!

גיי נאך געלט
גיב אייגן געלט

כאפט
אייער
זכות

| | |
|---|---|
| סעודת פורים $360 | משתה היין $180 |

| | | |
|---|---|---|
| סעודה למשפחה $100 | מתנות לאביונים $50 | משלוח מנות $36 |

**שמואל אייכנשטיין 917.589.3382**

*sruliHeskel

# געדאנקען

# בדחנות מיט פיינעפל און קענטעלאופ

אזוי ווי מיר האבן זיך אלע פארסמאקעוועט מיט די הערליכע אינטערוויו וואס מו"ה ישראל דוד העסקעל נ"י האט אפגעהאלטן מיט מיין טייערע ידיד נפש און מחותן מו"ה אהרן וועבערמאן נ"י איז מיר ארויפגעשווימען אין מח הערליכע זיסע צוקערדיגע זכרונות פון די לעכטיגע טעג פון בראשית קהלת וישיבת היכל הקודש ב'וויליאמסבורג.

ווען איך האב נאר א זע געטון אין בלעטל די רויטע מיני ווען מיט די שווארצע גרויסע טוועלף פעסענדזשער, האט מיר א טויכע געטון ביים הארצן דערמאנענדיג זיך אזעלכע שיינע צייטן.

אבער לאמיר גיין צוביסקעלעך.

צום אלעם ערשטן, אז איך דערמאן מיין חשוב'ען מחותן נ"י קען איך זיך נישט צוריקהאלטן פון דערמאנענען די גרויסע נס וואס דער אייבערשטער האט געמאכט מיט אונז, אז מען האט געקענט ברעכן די איינגערעדעטע בעיבישע זאך פון חתונה מאכן א קינד מיט איטאליענישע פורניטשער און טייערע אומבא'טעם'טע זינגערס און פייפערס און פויקערס וואס מען שטיקט זיך מיט די חובות ביז עטליכע יאר שפעטער.

שוין אפגערעדט פון די מעכטיגע בדחנות וואס מען מוז אויסהערן איבער א טאץ פיינעפל און קענטעלאופ נישט קענענדיג פארשטיין פאר וועלכע צודרייטע סיבה מעג איך נישט זיין מארגן אין ארבעט ניינע צופרי.

אזוי ווי אונזער זון ר' הערשל נ"י דער איידעם פון ר' אהרן נ"י איז געווען די ערשטע פארפאלק צו חתונה האבן אין שול, דארפט איר אליין פארשטיין אז ר' אהרן איז געווען די צד הכלה, און מיר זענען געווען די צד החתן, במילא זענען מיר אים שטארק מכיר טוב דערפאר.

ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן אריינלייגן כוחות אין די זאך פון חתונה מאכן אין שול, אזוי ווי מוהרא"ש זכותו יגן עלינו האט אונז געלערנט, איז דאס בכלל נישט געווען אזוי ווען מען קוקט עס היינט אן נאכ'ן דורכגיין איבער הונדערט חתונות אין שול.

עס איז געווען א גרויסע חידוש אז מען זאל עס קענען באווייזן.

אויב איר ווילט פארשטיין ווי אומפאפולער און אומאקצעפטירבאר עס איז געווען, דאן געבט א קוק וויפל מענטשן וואס זענען שוואכע פארדינער וועלן זיך צאמבארגן אויף פרעה'ס בארד, אבי צו האבן א "נארמאלע" שמחה.

מענטשן וועלן ענדערש צאמשנארן פון רעכל און מעכל פאר א הויכע שטריימל און א הייזעריגע קלארינעט און א בדחן וואס מאכט וויינען די עלטערע מומעס ווייל אונז זעמיר א "געהעריגע" משפחה.

מענטשן וועלן שוין ביים ערשטן קינד'ס חתונה פאר'משכון'ען זייער הויז, ווייל מיר זענען נישט פון די נעבעכדיגע.

פארפאלן, די פופציג יעריגע קטנים וואס קוקן זיך אין שפיגל מיט די הויכע שטריימל, וועלן ליידן א יאר בזיונות פון חובות, פאר צען מינוט כבוד...........

צו חתונה מאכן קינדער אן איטאליענישע פורניטשער איז שרררררררררעקליך.

צו חתונה מאכן קינדער אן בארגן געלט איז ממש קעגן די סדום'ישע מסורה.

צו חתונה מאכן קינדער אן פופציג אלפים פאר בלומען איז ממש א שאלה צו מען דארף איבערליינען די כתובה נעבן די

# איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

בלומען געשעפט.

ברוך השם, געלויבט דעם באשעפער מען האט געקענט פאלגן וואס די צדיקים לערנען אונז אז די תורה הקדושה זאגט לא טוב היות האדם לבדו, א איד מוז זיין חתונה געהאט. העכסטנס וועט די מומע'ס סופיסטיקעיטעד דריטע קאזן האלטן אז די ברסלב'ערס זענען אוט און דעיר מיינד, א קליינע פרייז באצאלט פאר די נחת פון זען די חתונה געהאטע קינדער שפאצירן מיט א שמייכל און זאל די סופיסטיקעיטעד שכן'טע ווארטן ביים קארנער מיט א שירעם.

רבינו הקדוש זי"ע מ'סאטמאר האט זיך נישט געבויגן פאר מנהגי אמעריקע און אויפגעשטעלט א הערליך דור פון ערליכע אידישע שטובער.

און היינט איז אדער הארכט מען וואס די צדיקים זאגן, אדער הארכט מען וואס די סופיסטיקעיטעד שכן'טע האט צו זאגן.

אדער מאכט מען חתונה דאס קינד ווייל די תורה זאגט לא טוב היות האדם לבדו, אדער מאכט מען חתונה דאס קינד ווייל אפשר וועט ער באלד זיין דער לעצטער סינגל פון די כתה. נעבעך אויף אזא געצווינגענע שידוך, נאכן נישט וועלן חתונה מאכן פון די אכצן ביז די צוויי און צוואנציג מוז מען נעבעך נעמען א פארקאטשקעטע משפחה וואס ביידע וועלן זיך אמפערן פאר זיבעציג יאר אז עכט האב איך געקענט טון א בעסערע שידוך, נאר וועגן בוידעם קלאץ האב איך געמוזט דיך נעמען ביי די צוויי און צוואנציג. אבער עכט בין איך סאך סאך סאך געלונגענער ווי דו.

עס איז געווען נישט אזוי גרינג דאס חתונה מאכן אין שול, מען האט געשפירט ווי מען גייט פארקערט ווי די גאנצע וועלט, און נאכדעם וועט קומען מיין חבר מיר זאגן אז איינער פון אונז צוויי איז צודרייט, אדער איך אדער ער, און אז מען גייט אנדערש ווי די וועלט איז עס עפעס א סימן אויף עפעס שרררעקליך געפערררררליך.

עס איז געווען איין נאכט אין יענע תקופה, איך פאר מיר מיט מיין ווייב פון בארא פארק צו וויליאמסבורג, אויב איך געדענק גוט איז עס געווען ווען א באקאנטער אונזערער האט חתונה געמאכט אין עטרת חי' אפשר א וואך צוויי פאר ר' הערשל'ס חתונה, און אינמיטן וועג קלינגט די טעלעפאון און ר' הערשל הייבט אן רעדן צו מיר מיט מיין ווייב, איך האב אין מיין לעבן נישט געהערט אזא אינגער מענטש רעדן אזוי דערוואקסן, ער הייבט אן זאגן (וואס דער ראש ישיבה שליט"א זאג ביי די דרשות) אז די לעבן איז נישט די זאל וואו מען האט חתונה, מען קען חתונה האבן ביליג און האבן א רייכע טייערע לעבן, און מען קען חתונה האבן רייך און טייער און האבן א ביליגע לעבן.

ביי מיר און מיין ווייב איז עס געווען אט די פאון קאל וואס האט עס געזיגלט, אז יא, מיר וועלן זיין געטרייע סאלדאטן פאר די דרך התורה און נישט זיך בייגן פאר די קרעדיט קארד גניבות אזוי ווי רבינו הקדוש מ'סאטמאר האט זיך נישט געבויגן פאר מנהגי אמעריקע.

מיר האבן א גרויסע נס אז אונזערע קינדער לערנען אין א מוסד וואס לערנט אויס די לעבן מיט די עכטע קאלירן, אז נישט אלעס מוז גיין ווי איך וויל, נישט אייביג מוז יעדער זאגן אז מיין שטריימל איז מעכטיג, נישט אייביג מוזן אלע סופיסטיקעיטעד שכן'טעס פון פופצן מייל ארום מסכים זיין מיט אלעס וואס איך טו.

מיר האבן א גרויסע נס אז מיר האבן א ראש ישיבה וואס דערמאנט אונז אלץ אז מען דארף טון וואס איז ריכטיג, נישט וואס איז פאפולער.

מען מוז נישט זיין סופיסטיקעיטעד, מען מוז זיין א איד און האבן ריינע הענט, ריין פון גניבות און חובות.

צו פארלאנגען אז דאס קינד טאר נישט חתונה האבן נאר מיט איטאליענישע פורניטשער איז אזוי ווי צו פארלאנגען אז דו טארסט נישט עסן מצות די ערשטע נאכט פסח נאר אויב דו קויפסט פאר די מצות א ריין גאלדענע קערה.

צו פארלאנגען אז דאס קינד טאר נישט חתונה האבן נאר מיט א הויכע צען אלפים'דיגע קרעדיט קארד שטריימל איז אזוי ווי צו פארלאנגען אז מען קען נישט טרינקען פסח די ד' כוסות נאר אין א ריין גאלדענעם בעכער.

כ'האב געהאט בדעה צו דערציילן שיינע זאכן פון די רויטע מיני ווען און די שווארצע טוועלף פעסענדזשער, אבער דער אייבערשטער האט אריינגעפירט די שמועס אין די זאך פון חתונה מאכן.

אז מען פאלגט א צדיק קען מען לעבן א שיינע רואיגע לעבן נישט זייענדיגע משועבד פאר מענטשן, נאר פאר דעם אייבערשטן.

# שיטת רבינו הקדוש זי"ע מסאטמאר

## שאלה

**לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,**

**איך האב אלעמאל געהאט א געפיל צו לערנען דעם רבינ'ס ספרים, איך געדענק אפילו ווען אלס בחור האב איך געהאט חברים וואס פלעגן מיר אנשרייען אז מען טאר עס נישט לערנען, ווען איך האב זיי געוויזן אז אין ויואל משה ווערט געברענגט א מימרא פון רבי'ן, האבן זיי מודה געווען אז ליקוטי מוהר"ן מעג מען לערנען אבער אלע אנדערע ספרים נישט, ווייל דער רבי האט עס קיינמאל נישט געשריבן אדער געזאגט.**

**למעשה ווייס איך אז זיי זענען נישט גערעכט, אבער עס איז מיר געבליבן א קליינע פראצענט אז אפשר יש דברים בגו. איך האב אלעמאל אוועקגעשטיפט די ספיקות.**

**לעצטנס האב איך געלערנט א שטיקל חיי מוהר"ן ווי דער רבי שרייבט זייער שארף אקעגן ספרי חקירות, און עס זעט חס ושלום אויס ווי א פגיעה אינעם הייליגן רמב"ם, דער רבי זאגט דארט שעיות בזה עוותים שאין כמותם, דבריו הם נגד התורה, אוי לעינים שכך רואות וכו'. ווען איך האב דאס געלערנט, איז מיר צוריק געקומען די ספיקות אז אפשר האט טאקע דער רבי נישט געזאגט די אלע זאכן. איך ווייס אז אלעס וואס דער רבי האט געזאגט איז זיכער קודש, אבער ווי קען זיין אז די רבי האט געזאגט אזוינס אויפ'ן הייליגן רמב"ם? עס עגבערט מיר שוין אפאר וואכן די קשיא, און עס מאכט מיר טראכטן אז אפשר איז עס טאקע נישט פון רבי'ן.**

**איך האף אז דער ראש ישיבה וועט מיר קענען אביסל אויסקלארן.**

**א יישר כח**

**משה**

**בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ויצא, ראש חודש כסליו, שנת תשע"ח לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער הייליגער רבי האט אונז איבערגעלאזט פינף ספרים: ליקוטי מוהר"ן, שיחות הר"ן, חיי מוהר"ן, ספר המידות און סיפורי מעשיות; אלע תורות און שמועסן וואס מיר האבן פון רבי'ן האט רבי נתן געשריבן. דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שע): "מען דארף דאנקען רבי נתן, ווייל אן אים וואלט נישט געבליבן פון מיר קיין בלעטל שמות", דערפאר איז זייער נאריש צו הערן וואס מענטשן זאגן, ליקוטי מוהר"ן יא, אנדערע ספרים נישט, ווייל אלעס האט דער זעלבער תלמיד געשריבן.

די אלע וואס זאגן נאך בשם דעם רבי'ן זכותו יגן עלינו מסאטמאר אז ער האט נישט געהאלטן פון לערנען די ספרים פון הייליגן רבי'ן, קיינער פון זיי האט נאך נישט דורכגעלערנט איין מאל דעם ספר הקדוש ויואל משה. אויך דו וואס דו שרייבסט מיט אזא בקיאות אז אין ויואל משה ברענגט ער נאר אראפ פון ליקוטי מוהר"ן, האסטו אפילו נישט גענומען די מיה עס נאכצוקוקן. פרעג איך דיר, מיט וואס ביסטו א חסיד פון סאטמאר'ער רבי'ן אז דו האסט נאך נישט דורכגעלערנט דעם ויואל משה? סתם נאכזאגן מימרות אויפן רבינ'ס נאמען, וואס דער זקן האט צו דערציילן און וואס דער נאר האט צו זאגן, מיט דעם ווערט מען נישט קיין חסיד.

נישט נאר פון רבינ'ס ספרים ברענגט דער רבי זכותו יגן עלינו מסאטמאר אראפ אין זיינע ספרים, נאר אפילו פון ספר 'כוכבי אור', דאס איז שוין פון שפעטערדיגע תלמידים, דאס האט רבי אברהם ב"ר נחמן זכרונו לברכה צוזאמגענומען, שמועסן און מעשיות פונעם הייליגן רבי'ן וואס ער האט געהערט פון זיין טאטן רבי נחמן

א בריוו
פון דער
ראש ישיבה

**עצתו אמונה ויצא תשע"ח**

טולטשינער זכרונו לברכה, דאס האט אויך דער רבי מסאטמאר זי"ע דורך געלערנט.

דאס וואס ער הייבט אן "ובליקוטי מהר"ן מברסלב, במשלים שלו, סימן ד'", מיינט ער נישט דעם ספר ליקוטי מוהר"ן, נאר דעם ספר כוכבי אור (עיין ויואל משה מאמר ישוב ארץ ישראל סימן ק"נ).

אויך ברענגט דער רבי אראפ צוויי מאל פון שיחות הר"ן; איינמאל ברענגט ער אראפ שיחות הר"ן סימן לה, נאכדעם פון סימן ר"כ, און ער פירט אויס אויפן רבי'ן בזה הלשון: "**וזה ענין של רוח הקודש שראה מה הגיע אלינו בעיקבא דמשיחא**", אז דער שמועס וואס רבי האט געשמועסט מיט אנשי שלומינו, ווי אזוי עס וועט אויסזען פאר משיח וועט קומען, אז עס וועט אראפ קומען אפיקירסות אויף דער וועלט וכו', איז געווען א ממש א רוח הקודש אויף אונזער דור, וואס עס האט ווירקליך פאסירט מיט אונזער דור וכו', עיין שם.

אויף דיין צווייטע שאלה וואס דו פרעגסט, אז דו האסט געזען אין ספר חיי מוהר"ן (סימן תח, תט) וואו דער רבי שרייבט אז מען זאל נישט לערנען דעם ספר "מורה נבוכים", ווייל מען קען צוקומען צו האבן קשיות וספיקות באמונה; עס וואונדערט מיר וואו דו האסט געלערנט, וואסערע חינוך דו האסט באקומען. איך בין א סאטמאר'ער תלמיד, אין חדר האב איך שוין געוואוסט פון מיינע מלמדים, זיי האבן נאכגעזאגט פון אלע תלמידי בעל שם טוב זכותם יגן עלינו און פון אלע פריערדיגע צדיקים זכרונם לברכה, אז **זיי האבן נישט געהאלטן מען זאל לערנען ספרי חקירה**, אפילו די ספרים וואס גדולי ישראל האבן מחבר געווען.

חס ושלום צו זאגן אז דער רבי האט געקריגט אויפן רמב"ם, אדרבה דער רבי האט מורא'דיג מפליא געווען דעם רמב"ם, דער רבי האט געזאגט אז ווען משיח וועט קומען וועט מען פסק'נען אזוי ווי דער רמב"ם. דער רבי האט נאר געזאגט, מען זאל נישט לערנען דעם ספר מורה נבוכים און אויך אין אנהייב ספר יד החזקה וואו ער ברענגט אראפ חקירות, ווייל עס איז זייער טיפע סברות - עמוק עמוק מי ימצאנו, מען וועט נישט פארשטיין די תירוצים נאר בלייבן מיט די קשיות, אזוי וועט מען ווערן א גרויסער אפיקורס און לייקענען אין אלעס רחמנא לצלן. נישט נאר דער רבי האט געזאגט מען זאל נישט לערנען דעם ספר מורה נבוכים, נאר אסאך צדיקים האבן זייער מזהיר געווען מען זאל נישט לערנען דעם ספר מורה נבוכים, אזוי אויך וואו ער רעדט באופן של חקירות, ווייל מיר האבן קליינע מוחות, מיר פארשטייען נישט אלעס, מיר וועלן בלייבן מיט די קשיות, און אריין פאלן גרינגערהייט אין כפירות ואפיקורסות. אבער חס מלהזכיר צו זאגן אויפן רבי'ן אז ער האט גערעדט אויפן רמב"ם, דער רבי האט בפירוש געזאגט (חיי מוהר"ן, שם) אז מיטן ספר "יד החזקה", האט דער רבמ"ם גוט געמאכט.

עס איז באוואוסט דער סיפור, אז דער הייליגער ישמח משה זכותו יגן עלינו האט געבעטן דעם אייבערשטן אז ער וויל זוכה זיין צו די יראת שמים וואס די תנאים און אמוראים האבן געהאט, האט מען אים מודיע געווען אז ער וועט דאס נישט קענען אויסהאלטן, האט ער געבעטן ער וויל די יראת שמים פון די גאונים, האט מען אים געענטפערט די זעלבע זאך, אז עס איז נישט מעגליך, האט ער געבעטן ער וויל כאטש האבן די יראה וואס דער רמב"ם האט זוכה געווען צו האבן, האט מען אים דאס נאכגעגעבן, און דער הייליגער ישמח משה האט זיך אנגעפאנגען צו טרייסלען און זיך ווארפן מיט א שרעקליכער פחד און ציטער, ביז ער האט געבעטן מען זאל דאס אוועק נעמען פון אים.

ווען דער רבי זכותו יגן עלינו מסאטמאר איז געווען אין ארץ ישראל ביים קבר פונעם רמב"ם האט ער דארט דערציילט די מעשה, און אויסגעפירט: "שטעלט אייך פאר ווי גרויס דער רמב"ם איז געווען, וואסערע יראת שמים ער האט געהאט, אז דער הייליגער זיידע דער ישמח משה האט דאס נישט געקענט אויסהאלטן, וואס זאלן מיר זאגן".

**דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.**




**אין**

**קורצן פון פריער:** *ר' יעקב יוסף הערמאן קומט אן קיין אמעריקע, טרעפט א גוט שידוך פון משפחת אנדראן.*

*זיין טיר איז געווען אפען פאר יעדן גאסט. אסאך גדולים זענען איינגעשטאנען ביי אים במשך די יארן ווי פארציילט די לעצטע פאר וואכן.*

**און יעצט ליינט ווייטער.**

אין א פרייטאג צונאכטס האט רבי יעקב יוסף דערקענט אין שול רבי אייזיק שעהר ז"ל, אן איידעם פון דעם אלטן פון סלאבאדקע, רבי נתן צבי פינקל זצ"ל. רבי אייזיק איז געווען ראש ישיבה אין סלאבאדקע.

"רבי," האט זיך רבי יעקב יוסף געוואנדן צו אים, "איך דארף אן אורח אויף שבת. ביטע גיט מיר דעם כבוד און קומט עסן דעם שבת ביי אונז."

הרב שעהר, וועלכער האט שוין געהאט געהערט איבער די געוואלדיגע הכנסת אורחים פון רבי יעקב יוסף, האט מסכים געווען.

ווי ערשטוינט אבער איז ער געווען, ווען ער איז ארויפגעקומען פרייטאג צונאכטס און געזען א טיש מיט איבער פינף און צוואנציג אורחים!

נאך די סעודה האט הרב שעהר זיך געוואונדערט צו רבי יעקב יוסף און אים געפרעגט, "איך פארשטיי נישט! איר האט מיר געזאגט אז איר נויטיגט זיך אין א גאסט אויף שבת און דא זע איך אז איר האט באלד דריי מנינים געסט! צו וואס האט איר געוואלט אז איך זאל אריבערקומען?"

"איר דארפט פארשטיין, רבי," האט רבי יעקב יוסף געזאגט מיט יראת הכבוד, "מיין פרוי ארבעט אזוי שווער א גאנצע וואך צוצושטעלן אלעס פאר די אורחים. ווען אן אדם גדול ווי איר קומט צו אונז, צאלט זיך איר הארעוואניע אויס מיט פראצענט!"

משפחת הערמאן האט אויך געהאט די זכות צו זיין די אכסניא א לענגערע תקופה פאר דריי גרים. זיי זענען נישט געקומען אויף איינמאל, נאר איין גר האט געברענגט דעם צווייטן. מרת הערמאן האט זיך ספעציעל אפגעגעבן מיט אירע "אברהמ'לעך" ווי זי פלעגט זיי רופן, און איז געווען ווי א מוטער פאר זיי וואס האט געזארגט פאר זייער גשמיות'דיגן וואוילזיין.

רבי יעקב יוסף האט זיך אפגעגעבן מיט זייער רוחניות. ער האט זיי געלערנט און צוגעהאלפן און אויך געהאלפן זיך שטעלן אויף די פיס.

א איד מיטן נאמען זעליג העללער דערציילט אין זיינע זכרונות וויאזוי ער האט זיך באקענט מיט די הערמאן'ס און וויאזוי א דאנק רבי יעקב יוסף האט ער איינמאל געהאט די זכי' צו באדינען רבי ברוך בער.

"איך זיץ זיך אזוי פארטיפט אין לערנען אין בית המדרש. דער זייגער רוקט זיך, עס איז פרייטאג נאכמיטאג און אט ווערט באלד שבת. פלוצלינג קומט צו מיר א איד און זאגט, "עס ווערט שוין באלד שבת. איך וואלט דיר געוואלט איינלאדענען צו מיר אויף שבת." איך בין זייער איבערראשט געווארן. קיינמאל פריער האט מיר נאך קיינער נישט געלאדנט צו זיך אויף שבת.

"אין שטוב פון רבי יעקב יוסף האב איך



## מ. מאנן 11

צום ערשטן מאל פארשטאנען די באדייט פון הכנסת אורחים. איך האב געזען וואס עס מיינט זיך אוועקצוגעבן פאר א צווייטן איד. אויך האב איך צום ערשטן מאל געפילט דעם באגריף פון 'שבת'. יעדע מינוט האט זיך געשפירט ווי אין גן עדן. פון קידוש צו די זמירות, צו די דברי תורה. איך האב זיך געשפירט ווי איך בין פארצויגן אין א נייע וועלט. איך האב נישט געוואלט אז דער שבת זאל זיך ענדיגן."

זייט יענעם טאג איז זעליג געווארן אן אפטער גאסט ביי משפחת הערמאן. רבי יעקב יוסף האט אים מחזק געווען צו האבן א שיעור תורה יעדן טאג. איין טאג ווען זעליג איז געווען ביי זיי אין שטוב האט זיך רבי יעקב יוסף געוואנדן צו אים מיט א בקשה, "זעליג, דער גרויסער גאון רבי ברוך בער, דארף איינעם וואס זאל פארברענגען די נאכט מיט אים אין האטעל. אפשר ווילסטו כאפן די זכי'?"

זעליג האט זיך צוגעכאפט דערצו מיט ביידע הענט, ווי ער דערציילט, "איך האב זיך געפילט גליקלעך צו האבן די זכי' צו באדינען דעם גרויסן צדיק."

שפעטער אין אווענט האט רבי ברוך בער געבעטן זעליג ער זאל אים מאכן א טיי. ער האט אים געגעבן פונקטליכע אנווייזונגען וויאזוי דאס צוצוגרייטן, כדי עס זאל זיין אין איינקלאנג מיט זיין זהירות אין כשרות.

"ביז היינט פיל איך א שמחה אין מיינע ביינער אז איך האב געהאט די גרויסע זכי'! און דאס איז אלץ א דאנק רבי יעקב יוסף!"

מרת הערמאן האט יעדע אינדערפרי זיך געשטעלט קאכן א גרויסע טאפ זופ, אזוי אז ווער עס וועט נאר אריינוואנדערן זאל קודם האבן עפעס ווארעמס צו עסן. עס איז נישט געווען אזא זאך אז א איד זאל אריינקומען צו משפחת הערמאן און עס זאל נישט זיין וואס צו עסן.

אויף שבת פלעגט איידל הערמאן פירן א גאנצע קעיטערינג. די טעפ זענען געווען אזוי גרויס אז די קינדער פלעגן שפילן "באהאלטן" אין די טעפ, ווען זיי זענען געווען ריין.

מרת הערמאן פלעגט שיילן און שניידן אומצאליגע גרינצייג פאר די זופ, קאכן פיש און פלייש אין גרויסע קוואנטיטעטן. מען האט קיינמאל נישט געוואוסט פון פאראויס וויפיל געסט עס וועלן אנקומען.

עס זענען געווען וואוילע אידענעס וואס פלעגן זיך אנטראגן צו קומען העלפן מיטן קאכן, אבער איידל הערמאן האט אזוי ליב געהאט די מצוה אז עס איז איר אנגעקומען שווער זיך צו לאזן העלפן. זי האט זיך אבער צוגעוואוינט דערצו און געלאזט אנדערע איר העלפן אין דער מצוה. חלה, אבער, האט זי נישט געקענט אויפגעבן.

חוץ פון די פילע חלות וואס זי פלעגט באקן יעדע וואך (אן א באש מאשין) האט זי אויך צוגעשטעלט שלש סעודות בילקעלעך פאר דריי גרויסע שולן אין דער איסט סייד.

רוחמה פלעגט באקומען דעם כיבוד עס צו טראגן ערב שבת אין די שולן. ווי זי דערציילט אין אירע זכרונות, "איך האב זיך געפילט גליקלעך צו האבן די זכי' צו זיין א חלק פון אזעלכע דערהויבענע זאכן. איך פלעג אויסוועלן יעדע וואך א צווייטע חבר'טע וואס האט געהאט די זכות מיטצוקומען מיט מיר!"

אז מען ליינט פון דער ברייטער הכנסת אורחים לאזט זיך טראכטן אז די הערמאן משפחה איז געווען מסודר מיט פרנסה. אין אנהייב נאך דער חתונה איז דאך רבי יעקב יוסף געווען זייער פארמעגליך, ממילא אז עס איז דא קמח איז דא תורה, אז מען האט דאס געלט קען מען פירן אזא ברייטהארציגע הכנסת אורחים.

דער אייבערשטער העלפט שוין.

רבי יעקב יוסף האט זיך ארויסגעלאזט צו דער בעקעריי. "זענען נאך פארבליבן עפעס חלות?" האט ער זיך אינטערעסירט.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

כולל
היכל
הקודש
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א



# אנשי שלומינו טוען למעשה

# נתחשב לו כאילו לומד בעצמו

שולחן ערוך יורה דעה רמ"ו

רופט היינט די גבאים:

**הר"ר משה ארי' שניצלער הי"ו:**
347.585.6166

**הר"ר יוסף זינגער הי"ו:**
347.764.2979



די זכות איז מיינס

מתן שכרה:
סעודת ראש חודש
מיטן ראש ישיבה
מיט אייער זכות
פון $3600
והלאה

| | |
|---|---|
| $1800<br>$150 לחודש<br>זכות התורה | $3600<br>$300 לחודש<br>פרנס השבוע |
| $5000<br>$417 לחודש<br>פרנס החודש | $10000<br>$834 לחודש<br>פרנס השנה |

מ'גייט טאקע צוריק אין אפיס,
אבער מ'איז מקיים דעם שבתי
בבית ה' אין די זעלבע צייט.

יעדער יחיד אן קיין אויסנאם נעמט
זיך אינטער א זכות אין אונזער
מקום תורה. אונזער שטאלץ.

dominogrp.com

# היכל הלכה

## הלכות קידוש - סימן רע"א סעיף ט'

דער הייליגע מחבר פסקנ'ט: **"צריך שתהיה מפה על השולחן תחת הפת, ומפה אחרת על גביו"** ס'דארף זיין א טישטוך אויפן טיש אונטערן ברויט, און נאך א צודעק אויף די ברויט.

די מקור פון די הלכה איז פון די גמרא,[77] **רבה בר רב הונא איקלע לבי ריש גלותא** - רבה בר רב הונא איז איינמאל שבת געווען ביי די הויז פון ריש גלותא, **אייתי תכא קמיה** - מ'האט אריינגעברענגט די טיש פאר אים. בזמן הגמרא פלעגט מען עסן אויף קליינע טישלעך, נישט אזוי ווי היינט אז די גאנצע משפחה עסט אויף איין גרויסע טיש, נאר יעדער פאר זיך האט געהאט א קליינע טישל. **פרס מפה** - האט רבה בר רב הונא אויסגעשפרייט א טישטוך אויף די טישל, **וקידש** - און רבה בר רב הונא האט קידוש געמאכט, **תניא נמי הכי** - מיר האבן אויך אזוי געלערנט אין א ברייתא, **אין מביאין את השולחן לפני קידוש** - מ'טוט נישט אריינברענגען דעם טיש פאר קידוש, **ואם הביא פורס מפה ומקדש** - אויב האט מען יא אריינגעברענגט, דעקט מען עס צו מיט א טישטוך און מ'מאכט קידוש.

פון די גמרא זעט מען אז מ'ברענגט נישט אריין די טיש מיט עסן פאר קידוש, און אויב מאכט זיך אז מ'האט עס יא אריינגעברענגט,

### הגהות

77) פסחים דף ק'.

78) תוס' ד"ה שאין: הא לך לשון ק' של תוס': ועכשיו שלחנות שלנו, שהם גדולים יותר מדאי, וקשה להביאם אחר קידוש שלא להפסיק כל כך בין קידוש לסעודה, אנו רגילין לפרוס מפה ולקדש.

79) מובא גם בתוס' הנ"ל, וברשב"ם ד"ה ה"ג: בשם השאילתות דרב אחאי גאון, פרשת יתרו כי היכי דתיתי סעודה ליקרא דשבתא.

80) די באור הלכה אין סי' רמ"ב ד"ה זכר למן: פרעגט די וועלט'ס קשיא, פארוואס מאכט מען שבת א זכר צו די מן, שבת איז דאך נישט געפאלן קיין מן? די באור הלכה ענטפערט, בשם די ספר תורת חיים (מסכת עירובין יט.) ד"ה ההוא דמחייבו, די אלע זאכן וואס מיר טוען יעדע שבת איז א דוגמא וואס וועט זיין לעתיד לבא ווען משיח צדקינו וועט קומען במהרה בימינו אמן, למשל מ'עסט "פיש" "פלייש" קעגן וואס מ'וועט עסן ווען משיח וועט קומען דעם שור הבר, מיט'ן לויתן, מ'מאכט קידוש אויף וויין קעגן די יין המשומר בענביו לצדיקים לעתיד לבא.

(אגב, שרייבט ער דארט, וועגן דעם מאכט מען נישט קידוש אויף אויפגעדעקטע וויין אפילו היינטיגע צייטן וואס ס'איז נישט דא קיין סכנה פון גילוי, ד.ה. אין מסכת תרומות משניות (פ"ח מ"ד) שטייט אז ס'איז דא א איסור צו טרינקען וויין וואס איז געווען אויפגעדעקט - די טעם דערפון ווערט ערקלערט און טור

דעמאלט דעקט מען עס צו.

תוספות זאגט,[78] דאס אז מ'ברענגט אריין דעם טיש הערשט נאך קידוש, דאס איז דוקא בזמן הגמרא וואס מ'פלעגט עסן אויף קליינע טיש'לעך, ממילא איז עס נישט קיין גרויסע טירחא אריין צו ברענגען דעם טיש'ל. אבער היינטיגע צייטן וואס אלע האבן גרויסע טישן, איז נישט שייך צו זאגן ברענג נישט אריין דעם טיש פאר קידוש, ממילא בשעת קידוש מאכט מען זיכער אז די טיש איז פארדעקט, און נאך קידוש דעקט מען עס אויף, איז עס אזוי ווי מ'האט עס אריינגעברענגט נאך קידוש.

דער רשב"ם איז מסביר דעם טעם[79] פארוואס מען זאל אריינברענגען דעם טיש הערשט נאך קידוש און היינטיגע צייטן לפחות צודעקן; ווייל קודם זאל מען הייליגן דעם שבת, און נאך דעם ברענגט מען דעם טיש לכבוד שבת קודש. דאס הייסט קידוש, מיט דעם הייליגט מען דעם שבת - אין אנדערע ווערטער, אזוי ווי איינער זאל זאגן: "רבותי ס'קומט שבת אויף די וועלט!" און נאכדעם ברענגט מען אריין די עסן לכבוד שבת! לויט די טעם דארף מען צודעקן אלע עסן אויפן טיש, נישט נאר די חלות.

ס'איז דא נאך טעמים אין די ראשונים פארוואס מ'דעקט צו די חלות:

תוספות ברענגט נאך א טעם, א זכר צו די מן וואס איז נישט געפאלן שבת;[80] היות די מן איז געווען ארומגענומען מיט טל - טל פון אונטער די מן, טל העכער די מן, א זכר צו דעם דעקט מען צו די חלות פון אויבן און פון אונטן. לויט די טעם דארף מען נאר צודעקן די חלות, און נישט אלע עסן וואס געפינט זיך אויפן טיש, ווייל די מן ווערט אנגערופן אין די תורה לחם - ברויט.[81]

דער רא"ש בשם ירשלמי ברענגט;[82] מ'דעקט צו די חלות כדי די חלות זאל נישט פארשעמט ווערן, דאס הייסט אין פסוק[83] וואס רעכנט אויס די שבעת המינים מיט וואס ארץ ישראל איז געבענטשט געווארן איז חטה פאר גפן, דאס מיינט אז חלות קומט פאר וויין, און למעשה האבן די חכמים מתקן געווען מ'זאל יא קודם זאגן קידוש מיט די ברכה בורא פרי הגפן פאר המוציא; איז כדי די ברויט זאל נישט פארשעמט ווערן דעקט מען עס צו.

נאך א שיינע טעם שטייט אין אשל אברהם,[84] אז היות די הייליגע זוהר[85] זאגט דאך; **כל ברכאין דלעלא ותתא ביומא שביעאה תליא** - אלע ברכות פון א גאנצע וואך קומט בזכות שבת קודש! און ס'שטייט אין חז"ל;[86] **אין הברכה מצויה אלא בדבר הסמוי מן העין** - אז א ברכה געפונט זיך נאר אין א זאך וואס איז פארהוילן פון די אויג, צוליב דעם פארדעקט מען די חלות עס זאל זיין פארהוילן.

כנראה פון די פוסקים, אז מיר זענען חושש צו אלע טעמים, דאס הייסט אז אפילו אין א פאל וואס איז נישט שייך נאר איין טעם דארף מען אויך צודעקן די חלות, אבער די עיקר טעם[87] האט מען אנגענומען די טעם פון בושת, דאס אז די חלות זאל נישט פארשעמט ווערן אז מען זאגט הגפן פאר אים, וועגן דעם שרייבן די פוסקים אז מ'זאל נישט צודעקן די חלות מיט א דורכזיכטיגע בעג - פלעסטי"ק, ווייל וועגן די טעם פון פארשעמען העלפט עס נישט.[88] אזוי אויך זאל מען לכתחילה נישט אריינברענגען קיין עסן, אפילו סתם אנדערע עסן, פאר קידוש - ווי למשל די פיש, כדי אז אלע עסן זאל אריינקומען נאך קידוש לכבוד שבת קודש.[89]

עס ווערט אויך געברענגט אין די

## הגהות

יורה דעה (סי' קט"ז), אז די סיבה פארוואס די הייליגע חכמים האבן גע'אסר'ט גילוי איז וועגן א סכנה, ווייל זיי האבן חושש געווען אז אפשר האט א שלאנג געטרינקען, און בשעת ער האט געטרינקען האט ער אריינגעלייגט א גיפט, און ס'איז א סכנה.

למעשה תוס' (ביצה ו. ד"ה והאידנא) שרייבט, אז היות ביי אונז איז נישט מצוי קיין שלענג, דארף מען נישט חושש זיין אויף די איסור פון גילוי עי"ש. אין די מחב' (אין סי' קט"ז סעי' א') פסק'נט טאקע אזוי; מ'דארף נישט חושש זיין אויף די איסור פון גלוי און מיט דעם אלעם פסק'נט די מחב' ביי הל' קידוש סימן רע"ב סעיף א', אז קידוש מאכט מען נישט אויף קיין וויין וואס איז געווען גלוי - אויפגעדעקט, לכאורה די מחבר האלט דאך נישט פונעם איסור גילוי להיום? איז דאס די תי' היות שבת ביי קידוש מאכט מען א זכר צו יין המשומר לצדיקים, דערפאר אפי' אלגעמיין איז מען נישט מקפיד, דא שבת ביי קידוש איז מען יא מקפיד, און אזוי שרייבט אויך די כף החיים (סי' רע"ב סק"ג).

נאך א תירוץ אויף די קשיא, פארוואס מ'מאכט א זכר אויף די מן וואס איז נישט געפאלן; די זוהר הק' פר' יתרו ענטפערט די קשיא; אסאך פירן זיך צו זאגן די שטיקל זוהר פאר די סעודה פרייטאג צונאכטס ווייל היות שבת איז מקור פון ברכות פון די גאנצע וואך, ד.מ. אז די גאנצע וואך ווערט געבענטשט דורך דעם וואס מ'היט שבת, ממילא וועגן דעם איז שבת אליין נישט געפאלן קיין מן. די זוהר דארף מען מסביר זיין, ווייל אלע ברכות גייען דורך שבת וועגן דעם איז נישט דא קיין מן שבת?

נאך אזא בחינה וואס מ'טרעפט אין די גמ' ביי צדיקים (גמ' ברכות יז:) כל העולם כולו ניזון בשביל חנינא בני, וחנינא בני די לו בקב חרובין מערב שבת לערב שבת - ווי דער תולדות יעקב יוסף ערקלערט אין פרשת צו, שמעתי ממורי די הייליגע בעל שם הק' זי"ע אז דער צדיק דורך אים גייען אלע ברכות, אלע גוטע זאכן פאר אידישע קינדער און ער פאר זיך דארף גארנישט. דאס האט מען געקענט זען ביי מוהרא"ש זי"ע ער פאר זיך האט גארנישט געהאט און גארנישט געדארפט אבער פאר א צווייטע איד זאל גיין גוט און זאל אלעס האבן, פארדעם מאכט מען א זכר שבת, ווייל די גאנצע מן איז געקומען בזכות שבת, און שבת אליין האט נישט, תלמוד חכם - בחינת שבת.

נאך א תירוץ בספר יד יוסף - רביד הזהב סק"ב - די זכר איז נישט אויף דעם וואס ס'איז נישט געפאלן שבת, נאר אויף דעם וואס פרייטאג איז גאפאלן צוויי מאל, 1 פאר פרייטאג און 1 פאר שבת.

81) כן ראיתי בספ' הפלא שבת בשבתו כאן בסי' זה.

82) וכבר האיר הקרבן נתנאל על אתר, דבירושלמי דידן ליתא.

83) דברים ח' ח'.

84) סי' רע"א בוטשאטש.

פוסקים אז מ'זאל מהדר זיין אז ס'זאל זיין ווייס,[90] סיי די טישטוך אונטער די חלות און סיי די חלה דעקל וואס מ'דעקט מיט דעם צו די חלות, ווייל די טל וואס איז געפאלן אין די מדבר העכער די מן און אונטער די מן איז געווען ווייס, כאטש אונזער טוי היינט איז דורכזיכטיג, אבער כנראה די טוי אין מדבר איז געווען ווייס.[91]

א חידוש שטייט אין מלבי"ם,[92] אז די מן אליין (נישט די טוי) אין מדבר, איז א גאנצע וואך געווען דורכזיכטיג, שבת איז עס געווארן ווייס. קען זיין אז פון דא קומט די מקור דאס וואס מען פירט זיך ביי חסידישע אידן אז מ'גייט שבת מיט ווייסע זאקן און די מיידלעך גייען ווייסע שטרימפ.

היות מיר נעמען אן די עיקר טעם וועגן בושת, איז דא אסאך פוסקים וואס זאגן אז שבת אינדערפרי אויב מאכט מען קידוש אויף מזונות, קעי"ק וכדומה, דארף מען עס אויך צודעקן[93] ווייל ס'איז דאך אויך פון חיטה וואס קומט פריער אין פסוק ביי די שבעת המינים.

אבער למעשה די מנהג אין אסאך פלעצער איז[94] אז מ'דעקט נישט צו די מזונות שבת אינדערפרי און אזוי איז אויך די מנהג ביי אונז, ווייל מ'האט אנגענומען אז די עיקר טעם פון בושת איז ביי די ברויט וואס דאס איז די עיקר פון די סעודה, און נישט סתם ביי מזונות.

נאך א נקודה, אויב מען זאל חושש זיין די טעם פון א זכר צו די מן, דארף עס זיין צוגעדעקט אויך ביי די ברכה פון המוציא,[95] משא"כ לויט די טעם פון בושת איז נאר בשעת קידוש דארף עס זיין פארדעקט - א שטארקע ראי' אז מ'האט נישט אנגענומען די טעם פון זכר למן אלץ אן עיקר ווייל ביי שלש סעודות דעקט מען נישט צו די חלות.[96]

למעשה פרייטאג צונאכטס דעקט מען צו די חלות ביז נאך די ברכה פון המוציא,[97] צופרי איז דא מנהגים; אסאך פלעצער דעקט מען עס אויך צו ביז נאך די ברכה פון המוציא אזוי ווי פרייטאג צונאכטס, און א טייל פלעצער דעקט מען עס צו נאר ביז נאך קידוש,[98] און אזוי פירט זיך אויך מורינו הראש ישיבה שליט"א.

## שאלה:

וואס נאך ליגט אונטער די ווערטער 'הייליגער שבת'?

## תשובה:

אז בזכות וואס מ'היט דעם שבת קודש ווערט מען אויסגעהיילט!!

איינמאל ביים טיש פונעם הייליגן אריה דבי עילאה זצוק"ל איז געווען א איד וואס מ'האט אים אריינגעברענגט די טשולנט און דער איד האט נישט געוואלט עסן, האט אים דער ארי' דבי עילאה געפרעגט; "פארוואס עסטו נישט קיין טשולנט?" האט דער איד גענטפערט, אז די דאקטער האט אים געזאגט אז טשולנט איז פאר אים סם המות ר"ל. האט אים דער ארי' דבי עילאה געזאגט אז איך האב בקבלה, פארוואס הייסט דאס 'הייל'יגער שבת, ווייל די מאכלים פון שבת היילן, עס וועט דיר זיין צו רפואה! איבריג צו זאגן אז דער איד איז געווארן אינגאנצן אויסגעהיילט!

(שיח זקנים ח"ג עי' קל"ג)

## הגהות

85) פר' יתרו פ"ח.

86) תענית ח'.

87) כן איתא בערוך השולחן סי' רצ"ט סעי' י"ד.

88) כן כתוב בס' עולת שבת בשבתו - הרב שטראסער שליט"א, אבל יש הכותבים היפך, שש"כ פמ"ז הע' קט"ז - שם כ', דמשום טעם שלא יראה הפת בושתי מהני, אבל משום יקרא דשבתא לו מהני היות דרואים אותו על השולחן.

89) בעצם אויב האט מען אריינגעברענגט די אנדערע עסן למשל די פיש פאר קידוש, וואלט מען עס געדארפט צודעקן, עי' פרמ"ג א"א סק"ז, אבער די וועלט פירט זיך נישט אזוי, נאר אפילו מ'האט עס למעשה אריינגעברענגט דעקט מען עס נישט צו, וועגן די עיקר טעם וואס מ'האט אנגענומען איז וועגן בושת, ס'איז דא וואס זאגן (בשבת בשבתו - וכן עי' בפתחי תשובות 184) אז זייטיגע עסן וואס איז נישט ממש די סעודה אליין ווי למשל כריין - דאס מעג מען לכתחילה אריינברענגען פאר קידוש, ווייל די טעם אז מ'זאל זען אז ס'קומט וועגן שבת איז נאר ביי די עיקר סעודה - ודברי טעם הם.

90) א"ר סקט"ז ובסידור ר' קאפל ויניח מפה לבנה על השולחן וכו' ויכסה הלחם במפה שניה ג"כ לבנה.

91) כן כתב ברש"י פר' בשלח ט"ז י"ד - דכל זמן שהיה הטל על המן לא היה נראה, כנראה שהיה לבן.

92) שמות ט"ז ל"ו.

93) קיצור שו"ע סי' נ"ה סעי' ה' שבולי דוד, שו"ת לבושי מרדכי ח"א סי' מ"ו.

94) ברכת הבית שער מ"ו אות נ' טעמי המנהגים קונט"א א' שס"ה, וכן איתא באשל אברהם בוטשאטש סו"ס קפ"ב.

95) ד.ה. אז בשעת מ'זאגט די ברכה אויף המוציא זאל אויך זיין די זכר פון די מן צוגעדעקט פון אויבן און פון אונטן. כ"כ בחיי אדם כלל ו' סעי' י"ג הובא במשנ"ב סקמ"א, וכן מובא בספ' קיצור השל"ה הק' - ויש להאיר דבשו"ת אז נדברו, תמה על המשנ"ב, על מה שלמד, בחיי אדם, דצריך להיות מכוסה עד לאחר המוציא.

96) עי' ערוך השולחן סי' רצ"ט סעי' י"ד תוס' חיים, על חיי"א כלל ו' סקט"ז.

97) ראה ראיתי מש"כ בספ' שבת בשבתו - הבדל למה בבוקר הרבה אין מכסין החלות בשעת הברכה, משום דאף במדבר בשעת נפילת המן, ישראל ג"כ לא ראו את הטל שעל המן כ"א פ"א ביום ודוק.

98) עי' עוד בספ' מגן אבות- באבוב דף ק"ג עוד מקורות לזה.

שכוח פאר
אלע טייערע
חברים
וואס העלפן
איך זאל נישט
אונטערברעכן!

*sruliHeskel

# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

## נאר נישט שמד

עס איז געווען אין א געוויסע שטאט וואס די ראשי קהילה האבן באמערקט אז די געלט וואס גייט ארויס פונעם צדקה קאסע איז פיל מער פון וויפיל געלט עס קומט אריין. האט מען זיך געזעצט מיט דעם רב פון דער שטאט, וואס ער איז געווען ממונה אויף דער צדקה קאסע, צו זען וואס מען קען טון. ביז דער רב האט מחליט געווען אז עס איז נישט דא קיין ברירה און מען גייט דארפן טיילן ווייניגער געלט. איז וואס טוט מען? דער רב האט באמערקט אז א געוויסער ארימאן באקומט גאר א שיינע סכום געלט, האט מען מחליט געווען אז ער וועט ווייטער באקומען, נאר מען גייט אים געבן אביסל ווייניגער ווי ביז יעצט.

עס איז אדורך א תקופה און די ראשי קהילה האבן ווייטער געזען אז עס קומט נישט אריין גענוג געלט אין דער קאסע. האט דער רב ווייטער מחליט געווען אז דער ארימאן וועט יעצט באקומען נאך אביסל ווייניגער ווי ביז יעצט.

אזוי האט זיך איבערגעשפילט אפאר מאל און דער ארימאן באקומט ווייניגער און ווייניגער געלט, ביז ער האט מער גארנישט באקומען און ער איז ליידער געבליבן אן קיין ברויט אין שטוב.

אין הימל איז געווארן אויף אים גאר א גרויסער קטרוג אז דער רבי דארף געשטראפט ווערן מיט גאר א גרויסע שטראף, ווייל ער האט צוגענומען די פרנסה פון דעם ארימאן.

עס זענען אדורכגעגאנגען געציילטע טעג און פלוצלינג זענען אריינגעקומען אין דעם רב'ס קאפ מחשבות פון כפירות און אפיקורסות רחמנא לצלן, ביז ער האט אפגעמאכט אז ער גייט זיך שמד'ן רחמנא לצלן. עס איז געווען א מוצאי שבת און ער איז געגאנגען צום גלח וואס האט געוואוינט ביים עק פונעם שטאט. דער רב קומט אריין און פרעגט דעם גלח: "איך דארף אן עצה. איך וויל זיך שמד'ן השם ישמרנו. וואס דארף איך טון?"

פאר דעם גלח איז דאס זייער נישט געפאלן און האט אויסגעזען גאר מאדנע פארוואס א גרויסער חשוב'ער רב וויל פלוצלינג אן עצה וויאזוי זיך צו שמד'ן. מן הסתם ווילן די אידן דא מאכן עפעס א שפיצל און גוט פארשעמען דעם גלח! 'נע, נע, נע! איך וועל זיך נישט לאזן,' האט דער גלח געטראכט. "אהא, דו ווילסט זיך שמד'ן?" רופט ער זיך אן צום רב "קודם דארף מען עסן א סעודה און דערנאך וועלן מיר ווייטער גיין." "פיין, אויב דאס איז דער מהלך בין איך גרייט," האט דער רב געזאגט. ער האט זיך געזעצט עסן און טרינקען און דער גלח פארברענגט מיט אים. אינמיטן האט ער ארויסגעברענגט גאר א שטארקע ברוינפן ער האט אים געגעבן אביסל און נאך אביסל און נאך אביסל, ביז דער רב איז געווארן אינגאנצן שיכור, ער איז געפאלן אויפן ערד און אנגעהויבן ברעכן און געבליבן ליגן אויפן ערד.

דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו זיצט ביי שלש סעודות אין שטאט מעזיבוז און האלט אלץ מיט דורך רוח הקודש. פלוצלינג רופט ער צו איינע פון זיינע תלמידים און זאגט אים: "גיי יעצט בענטשן, מאך הבדלה, גרייט צו א פערד און פָאר צו יענעם שטאט און גיי צו די שטוב פונעם גלח." דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט אים געגעבן א שטיקל חלה וואס איז איבערגעבליבן פון שלש סעודות און זיך אנגערופן: "ווען דו וועסט אנקומען דארט וועסטו שוין פארשטיין וואס דו דארפסט טון מיט דעם."

דער תלמיד האט זיך שנעל ארויסגעלאזט אויפן וועג צו מקיים זיין די שליחות פון זיין הייליגן רבי'ן און ער איז שנעל אנגעקומען צו דעם הויז פונעם גלח. ער עפנט די טיר און זעט דעם רב ליגן דארט אויפן ערד ווי א שיכור. פלוצלינג האט זיך דער רב אויפגעוועקט, און ער האט געפילט א מורא'דיגע שטארקע הונגער, און ער האט געבעטן: "איך וויל עסן, איך בין הונגעריג." דער גלח האט געוואלט געבן צו עסן, אבער דער תלמיד האט אים צוריקגעהאלטן, ער האט גלייך פארשטאנען וואס ער דארף דא טון. ער האט געהאלפן דעם רב זיך וואשן זיינע הענט און מאכן אן המוציא, און ער האט אים געגעבן די שטיקל חלה וואס איז איבערגעבליבן פון שלש סעודות פונעם הייליגן בעל שם טוב זכותו יגן עלינו. ווי נאר ער האט געענדיגט עסן די חלה, איז אריין אין דעם רב אן אמת'ע הרהור תשובה אויף אלעס וואס ער האט געטון און אויף דעם וואס האט צוגעברענגט אז ער זאל אנקומען צו אזא שפל המצב און ער איז אנטלאפן פון דעם גלח'ס שטוב.

זעט מען פון דא ווי א מענטש דארף גאר אכטונג געבן נישט צוצונעמען א צווייטנס פרנסה, מ'דארף זען נאר צו העלפן א צווייטן איד, אים ארויסנעמען פון זיין שווערע מצב.

*שיחות מוהרא"ש חלק ט' ערך צדקה*



דעם הייליגן רבינ'ס

לעבנסגעשיכטע

קנ"א

# פארזעצונג פון פריער:

**צְוִוישְׁן פֶּסַח אוּן שָׁבוּעוֹת, אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיף דֶעם גָאר שְׁוֶועֶרע מְנִיעוֹת, אוּן דֶער עִיקָר מְנִיעוֹת הָאט עֶר בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַלֵיין, וַוייל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי עֶר בֵּייזֶערְט זִיךְ אוֹיף דֶעם וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּמֶען צוּ אִים אַזוֹי סַאךְ.**

נָאנְט צוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת זֶענֶען רֶבִּי נָתָן אוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ גֶעדַאכְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַבִּיסְל בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים, וַוייל דֶעמָאלְט צְוִוישְׁן פֶּסַח אוּן שָׁבוּעוֹת אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן עֶטְלִיכֶע מָאל נָאכְאַנַאנְד. דֶערִיבֶּער, וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אִיז עֶר גְלַייךְ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי'ן אִין זַיין גְרוֹיסְן צִימֶער נֶעבְן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אוּן אִים גֶעגֶעבְן שָׁלוֹם.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, "שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, פָּאר גֶעזוּנְט!", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אַבִּיסְל גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן אִיז גֶעבְלִיבְּן זִיצְן אוֹיף זַיין פְּלַאץ נֶעבְן דִי טִיר, וָואס אִיז גֶעוֶוען פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶעגְן אִיבֶּער דֶעם אַלְטְן בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אוּן דַאן הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּ רֶבִּי נָתָן שֵׁיינֶערְהֵייט, עֶר הָאט אִים גֶעטְרֵייסְט אוּן מְחַזֵק גֶעוֶוען, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט, וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ וִויסְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל מַאכְן פוּן דִיר? הַיינְט בִּיסְטוּ אַזוֹי, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועסְטוּ זַיין אַזוֹי", עֶר הָאט אִים מְרַמֵז גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט דוּרְכְגֵיין גָאר שְׁוֶוערֶע סַכָּנוֹת, אָן אַ שִׁיעוּר, "דוּ וֶועסְט כִּמְעַט דֶערְוַוייטֶערְט וֶוערְן פוּן מִיר, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר עֶפֶענֶען דִי וֶועגְן פוּן שֵׂכֶל, דוּ וֶועסְט גֵיין אוּן דוּרְכְשְׁפַּאצִירְן אַלֶע מַיינֶע תּוֹרוֹת, אַזוֹי וִוי אֵיינֶער גֵייט אוּן שְׁפַּאצִירְט אַרוּם אִין וִוינְדֶערְלִיכֶע גֶעוַואלְדִיגֶע פַּאלַאצְן אוּן בִּנְיָנִים".

דַאן הָאט דֶער רֶבִּי אַבִּיסְל מֶער עֶרְקְלֶערְט פַאר רֶבִּי נָתָן דֶעם עִנְיָן, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז זַיינֶע תּוֹרוֹת זֶענֶען אַזוֹי וִוי אֵיינֶער גֵייט אַרַיין אִין אַ פַּאלַאץ, וָואס דָארְט גֶעפוּנֶען זִיךְ הֶערְלִיךְ שֵׁיינֶע שְׁטִיבֶּער, זַאלְן, קָארִידָארְן, אוּן צִימֶערְן, עֶס אִיז גָאר הֶערְלִיךְ שֵׁיין אוּן וואוּנְדֶערְלִיךְ גֶעבּוֹיעֶט, מִיט אֵיין שְׁטָאק הֶעכֶערְן צְוֵוייטְן אוֹיף גָאר אַן מֵייסְטֶערְהַאפְּטִיגֶע גֶעבּוֹי. אוּן גְלַייךְ וֶוען מֶען קוּמְט אַרַיין אִין אֵיין צִימֶער, אוּן מְ'הוֹיבְּט אָן קוּקְן אוּן זִיךְ פַארְוואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי הֶערְלִיכֶע קוּנְסְטְוֶוערְק וָואס גֶעפוּנֶען זִיךְ דָארְט, זֶעט מֶען אָבֶּער אַז עֶס עֶפֶענְט זִיךְ אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע טִיר צוּ נָאךְ אַ צִימֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער פוּן אֵיין שְׁטוּבּ צוּם אַנְדֶערְן, פוּן אֵיין שְׁטָאק צוּם אַנְדֶערְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, אוּן דִי אַלֶע פְּלֶעצֶער זֶענֶען אָפְן אֵיינְס צוּם אַנְדֶערְן מִיט טִירְן אוּן פֶענְסְטֶער, אַלֶעס אִיז גֶעקְנִיפְּט אוּן גֶעבִּינְדֶען מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן סֵדֶר, מִיט גָאר טִיפֶע חָכְמָה, אוֹיפְ'ן שֶׁענְסְטְן אוּן קְלוּגְסְטְן וֶועג וָואס קֶען נָאר זַיין.

מֶען קֶען דָאס נִישְׁט גֶענוּג מַסְבִּיר זַיין אוּן אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען אוֹיפְ'ן פַּאפִּיר, נָאר פַאר אֵיינֶעם וָואס אִיז שׁוֹין אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אַבִּיסְל צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי טִיפְקֵייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס תּוֹרוֹת, וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן אַבִּיסְל דִי גֶעוַואלְדִיגֶע זִיסְקֵייט פוּן דִי טִיפֶע תּוֹרוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס הָאט נִישְׁט זַיינְ'ס גְלַייכְן.

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט, "פוּן דֶעסְט וֶועגְן וֶועט עֶס אָבֶּער נִישְׁט זַיין דַיינְ'ס, נָאר אַזוֹי וִוי דוּ שְׁפַּאצִירְסְט בַּיי יֶענֶעם. אִיךְ וִויל זֵיי זָאלְן טַאקֶע זַיין דַיינְ'ס, וֶועט דָאס אוֹיךְ זַיין. דוּ מֵיינְסְט פַאר דַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים? נָאר וַוייל אִיךְ וִויל אַזוֹי".

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, וָואס פְלֶעגְט אַסַאךְ מָאל טְרַאכְטְן אַז אֲפִילוּ עֶר וֶועט צוּם סוֹף וֶוערְן בְּלוֹיז אַשׁ אוּנְטֶער דִי פִּיס פוּן דִי צַדִיקִים, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה י"ז.) אַז דִי נְשָׁמוֹת פוּן רְשָׁעִים וֶועלְן וֶוערְן "אֵפֶר תַּחַת כַּפּוֹת רַגְלֵי צַדִיקִים", אָבֶּער וָואס עֶס וֶועט נָאר זַיין מִיט אִים, וֶועט עֶר אָבֶּער נִישְׁט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אוֹיס, "נִישְׁט, וֶועט שׁוֹין פוּן מִיר נִישְׁט זַיין".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר זָאל זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דֶעם, אַז אֲפִילוּ אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִיק אִיז אוֹיךְ אַסַאךְ מָאל גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, אַזוֹי וַוייט אַז עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קֵיין שׁוּם הָאפֶענוּנְג, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט צוּקוּמֶען זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט דֶעם אַז עֶר וֶועט כָאטְשׁ נִישְׁט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, עֶפֶּעס וֶועט נָאךְ בְּלַייבְּן פוּן אִים.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# משנכנס אדר




מעכל ראָזענפעלד

# מרבין בשמחה




ישׂראל דוד העסקעל

# אריינפיר

**מיר שטייען יעצט אין די טעג פון ערב פורים. מ'האט שוין אריינגעטרעטן אין חודש אדר. דער עולם וויל זייער שטארק אריינגיין אינעם מצב פון די משנכנס אדר ווייפס, מ'וויל פשוט זיין פריילך, אבער די מציאות איז אז יעדער ביי זיך שלעפט אונטער זיך א בעגעדזש פון מיטמאכענישן דא און דארט, פון די יוגנט ביז די עלטער.**

**קומט דער הייליגער רבי און זאגט אונז אז 'שמחה' איז די עצה פאר אלעס, "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד". דאס וועט דיר העלפן ארויסגיין פון אלע שווערע מצבים, פון אלע שלעכטע מחשבות וואס דרייען זיך אין קאפ. אין אזא צייט ווען מ'זוכט שמחה, מ'זוכט צו לייגן א שמייכל אויפן פנים, איז נישט מער ווי פאסיג צו כאפן א פריילכע שמועס מיט אונזער חבר און פריילך-מאכער מו"ה מיכל ראזענפעלד הי"ו, הערן אביסל פון אים וויאזוי ער האלט זיך פריילך און מאכט פריילך אנדערע.**

**לייענט און האט הנאה!**

"איך ווארף זיך נאך פון טראמא, במילא ווייס איך בכלל נישט אויב די שמועס קומט יעצט אריין דא אדער אויב ס'איז פאסיג, אבער איך שפיר אלס א גוטער חבר אז איך קען רעדן מיט דיר און דיר פארציילן וואס קוועטשט מיר פון גאר טיף אינעווייניג.

אנגעהויבן האט זיך עס צוויי וואכן בעפאר ראש השנה. מיין טייערע אשת חיל האט ארויסגעשלעפט דעם אנגעשטויבטן רענצל פון בעיסמענט און עס אויפגעעפנט אויפן דיינינג רום טיש און שיינערהייט גאר מסודר מיר אנגעהויבן צוזאם צו פאקן."

מיט טרערן אין די אויגן האב איך געמאכט הייסע תפילות אז דאס יאר, ווען איך קום צוריק אהיים פון אומאן, זאלן ביידע שיך וואס איך טראג זיין פון דעם זעלבן פָּאר, און ווען מ'גייט ארויסנעמען די שמוציגע וועש, זאל נישט מיטקומען קיין טויזנטער ברעקלעך מצה מיט א האלבע קען טונא אזוי ווי פאראיאר... נאר דאס יאר זאל איך צוריק אהיימקומען אזוי שיין און מסודר ווי איך בין ארויסגעפארן.

די עיר פאַדס אין דער רעכטער טאש, די פּאווער בענק אין דער לינקער טאש, יעדן טאג באקומט זיין אייגענע קלארע זעקל וועש, שבת'דיגע שיך ליגט נעבן דעם שבת'דיגן טלית מיטן ווייסע בעקיטשע און שטריימל, טוט-בראש און טוט-פעיסט ליגט מיט דער זייף און שעמפו אויף דער אינעווייניגסטער טאש אויפן טיר פונעם רענצל. אלעס שטימט, אלעס איז גלאנציג, יעדע זאך ליגט אין איר פלאץ. דאס יאר גיי איך אהיימקומען "כבולעו כך פלטו" - אזוי שיין מסודר ווי איך בין ארויס, אזוי קום איך צוריק!

אויפן וועג צום עירפארט כאפ איך אריין מיינע שיעורים. אלעס פארט כשורה, איך האב נאך אין מיין לעבן נישט געשפירט אזוי אויפגעסעט און מסודר. די מצב איז אין מיין פולער קאנטראל, איך האב א גריפ אויף אלעס ארום מיר. אביסל געשמועסט און פארברענגט, און מיר זענען שוין אין לופטפעלד.

איך גיי אדורך סעקיורעטי שפירנדיג כאחד הנגידים. איך שמייכל שיין צום וועכטער באאמטער, זיי שפירן מיין זעלבסט-זיכערקייט. איך שפיר ממש ווי זיי סאלוטירן מיר אויף צוריק. איך האב מיין האנט-באגאזש מיט מיר, אלעס וואס דארף ליגן אינעם רעכטן טאש איז אינעם רעכטן טאש, די סחורה פון דער לינקער טאש איז שיין מסודר אין דער לינקער טאש. מיר זענען ביים גייט און איך שפיר סאטיספייד. איך האב עס באוויזן! איך גיי בלייבן שיין און מסודר ביזן אהיימקומען!

איך געדענק זייער גוט פון אלע יארן אז ערגעץ וואו אויפן וועג פאסירט דער טויש פון זיין פולקאם נארמאל און מסודר ביז צו זיין טאטאל נישט דאהי, און איך האלט קאפ. איך געב אכטונג די גאנצע צייט נישט אריינצוטרעטן אין יענער זאון...

מיין רענצעלע פארט ארויף אויבן. איך מאך מיר צו די זיץ-פאסיק, איך מאך זיך באקוועם אויף מיין פלאץ און איך מאך צו מיינע אויגעלעך מיט דעם גרעסטן שמייכל אויף מיין פנים - אונז האמיר עס!

### *די נסיעה הייבט אן גיין בארג אראפ*

איך געדענק נישט פונקטליך ווען ס'איז געווען, אבער ערגעץ וואו אויפן וועג האט מיין אויג געשפירט א קוועטש. מיין אויער איז געווען דעמאלט איינגעבויגן אויף האלב, נאך א קנעפל אויף מיין העמד האט זיך א צולאז געטון, און איך שפיר ווי איך פארליר קאנטראל...

מיין לינקע עיר-פּאַד איז נישט צום געפינען. איינער האט געבארגט מיין טעלעפאן פריער און איך קען זיך נישט דערמאנען ווער. די פּאַווער בענק אויף מיין שויס איז בכלל נישט מיינס, און יוש כ'בין הונגעריג און פארליר פאוקעס. די ערשטע זאך ווען איך שטיי אויף, דארף איך מיין רענצל. וואו איז די צידה לדרך?

איך וויש אהין, איך מיש אהער, איך שפיר עפעס קראנטשט, איך הער א פּאַפּ. מיינע הענט הייבן אן צו שפירן פייכט און נאסלער, און גראד פארן פארלירן פולע קאנטראל טרעף איך עס - האולגרעין סעסעמי קרעקערס מיט א קאנטעינער טונא חריף.

וואס איז זיכער איז זיכער. מיינע שכנים האבן שוין געטראפן נייע פלעצער... איך האב א גאנצע באנק פאר מיר. אזוי פליעט מען ווייטער געמיטלעך. איך לאז זיך נישט קלאפן, איך גיי נישט פארלירן קאנטראל פון דער סיטואציע!

געלאנדעט ב"ה. איך פאק מיר שנעל צוזאם, מ'דארף לויפן.



אויש, מיין שיך! פריער האב איך עס געזען, וואו איז עס נאר? איך געב זיך א שטרעק אויס אויף דער ערד בפישוט ידים ורגלים. איך קריך צווישן די פיס פון מענטשן, און פונקט ווי בתיה געב איך א שטרעק אויס מיין האנט און איך קען עס פילן אבער נישט אנכאפן. אין דער ריכטיגער סעקונדע קומט א גוי און געבט מיר א בריקע. איך כאפ דעם שיך און פוץ אפ פון שטח. זאל ער שרייען פוי דערווייל...

אזוי האב איך זיך אפגעמוטשעט אויפן וועג, פרובירנדיג מיט אלע כוחות צו האלטן פאוקעס און זיך נישט צו פארלירן ח"ו. איך גיי בלייבן פולקאם נארמאל און מסודר. איך נעם שנעל צוריק קאנטראל פון דער סיטואציע.



## ויחנו באומאן

די צייט לויפט, איך שטיי שוין פארנט פונעם בנין, באקומען מיין קארטיס, די רענצל גייט ליגן שיין ביים זייט בעט, די שיך פארט אריין אונטער דער בעט, ס'איז דרייסיג מינוט נאך דריי אינמיטן דער נאכט. אויסגעמוטשעט פאק איך זיך אריין אין בעט מיט מיינע פרישע פיטדזשאמעס און שלאף קאפל.

אויב וויל איך קענען אויפשטיין פרי מוז איך גיין שלאפן פרי, אבער אויב איך וועל אויפשטיין שפעט, ווי אזוי וועל איך קענען גיין שלאפן פרי? מיין מח רוקט ארום די שך שטיקלעך און איך זינק איין אין א טיפן שלאף.

צו לאנג בין איך נישט געשלאפן אזוי זיס. נאך חברה זענען אנגעקומען אינמיטן דער נאכט און געמאכט א העפטיגע חזרה אויף אלע מניעות. איך בין מחליט דעטס איז, איך שטיי אויף, איך גיי אריין אינעם טאג.

איך גיס אפ נעגל וואסער, איך וויל מיך מאכן גרייט און אופס - די וואסער ארבעט נישט, די טוילעט פלאשט נישט... איין באטל וואסער האב איך געהאט אין דער זייט, אבער דאס לייג איך אוועק צו קענען זיך וואשן די הענט. איך כאפ צוויי באטלעך ספרייט, און מיט דעם גאנצן אייפער קוועטש איך עס אויס, אבער אלעס בלייבט ווי אזוי ס'איז, גארנישט רוקט זיך נישט... שוין, כפרת עוונות.

אינעם צימער איז שטאק טונקל אינמיטן דער נאכט. איך נעם שטילערהייט א פעקל וועש און איך גיי ארויס פון צימער צום מקוה. אינדרויסן שיינט די לייט, ס'איז לעכטיג. איך ווייס שוין נישט אויב ס'איז יעצט בייטאג צי ביינאכט. איך קום אן אין מקוה מיט מיינע קראקס אין א בעג מיט פרישע וועש, און אזוי זיצנדיג אין בור כאפ איך זיך: אוי, א האנטוך! איך האב פארגעסן מיין האנטוך...

איך טו זיך אן שנעל. איך לויף ארויף צוריק אין צימער, ס'איז שטאק טונקל, די עולם שלאפט. איך זוך מיין טלית און תפילין אין מיין רענצל, והילד איננו. איך מיש אהין, איך מיש אהער, יעדע מינוט הער איך נאך א פּאַפּ, ביז איך כאפ זיך אז נעכטן האב איך עס געלייגט אין שול.

איך גיי שנעל דאווענען און איך מוז עפעס עסן. איך בין אויסגעהונגערט. איך פרעג דעם גוי פארנט פונעם בנין ווען מ'גייט טיילן פרישטאג. ער קוקט מיר אן מיט קעלבערנע אויגן און ענטפערט מיר קורץ און שארף - "פוטין באָם באָם!"

איך אנטלויף פון אים ווי פון א רוח. איך קום אריין אינעם טענט צו זוכן עפעס צו עסן. טרעף איך אונטער א באנק א בעקעלע שניצל פון נעכטן וואס מ'האט פארזען ביים רוימען. גייט דאס זיין מיין פרישטאג? איך גיי צו פעדער!

זיץ איך מיר ביי פעדער איבער א טעלער פון טשיז וואס איך ווייס נישט ווי אזוי ס'הייסט און ווי אזוי מ'דארף עס עסן. איך אטעם אריין טיף און נעבן מיר זע איך זיצט אן ארץ ישראל'דיגער ספרדישער איד מיט א תהילים מיט א שמייכל אויפן פנים, און איך קען נישט כאפן וואס האב איך געטון נישט גוט. וואו בין איך פארפארן?

עניוועי, מיר האלטן אין חודש אדר. מ'גייט זיך שטארקן, מ'גייט זיין פריילין! לאמיר הערן וואס ווילסטו פרעגן?

## ווי אזוי האסטו אייביג א גוטווארט אויפן פלאץ?

די אמת?! איך האב נישט, נאר איך הער דא און דארט גוטע ווערטער, לייג איך עס אוועק אויף א גוטע געלעגנהייט צו קענען פריילין מאכן אן איד בעת צר.

אזוי ווי איינער וואס רייכערט דארף אלץ האבן א פושקע ציגרעטלעך אין קאר, דאס איז מיין זאך. איך מוז אייביג האבן עפעס א גוט ווארט אוועקגעלייגט, עפעס וואס קען זיין אינספירירנד פאר אנדערע.

## ווי אזוי איז עס אז ווען ס'דרייט זיך נעבן דיר ווערט פריילין?

די זאך איז אזוי, ווער ס'קען אביסל היסטאריע ווייסט אז די אלע פארצייטישע קאמידיענס און בדחנים זענען געווען אידן, אזוי אויך די אלע מאשקעס פון די קרעטשמעס וואס פלעגן טאנצן און זיין פריילין - דאס איז אלעס געווען אידן.

פארוואס איז דאס טאקע אזוי? פארוואס זענען די אידן אלץ געווען פון די פריילין מאכערס?

נאר ווייל די אידן זענען געווען אזוי פאר'צרה'ט און זיי זענען געווען אזוי גע'רודפ'ט, האבן זיי זיך אלץ פרובירט פריילין צו מאכן. איך האב געקענט זיין דער גרויסער 400 פונטיגער רחמנות, אדער האב איך געקענט מאכן א דזשאוק אויף דעם און אלעס איז שוין מיטגעפארן...

איך געדענק אנהייב שטעטל ווען ס'איז נאך גארנישט געווען דא, האבן מיר זיך אזוי דערהאלטן דורכ'ן זיין פריילין. איך געדענק פון יענע צייטן זיצן צוזאמען מיט די חברים נאכ'ן דאווענען, עסן פינאט טשו און לאכן...

## די לעצטע פאר יאר האסטו זוכה געווען אונטערצוהאלטן די גאנצע קהילה ביי די מסיבה פון די רעבנט קאמפיין. ווי לאנג נעמט דיר זיך צוצוגרייטן אזא דרשה און וואס איז דער פראסעס?

ס'נעמט א האלבע יאר! איך האב אמאל געהערט פון א גרויסן דאקטאר די וועג ווי אזוי א צוועלף שעה'דיגע אפעראציע קומט פאר. ער זאגט אזוי: "ניינציג פראצענט פון וואס ליגט אפן דארפן מיר ארויסשניידן, און דאס וואס נעמט צוועלף שעה איז נאר אכטונג צו געבן אויף די צען פראצענט וואס מיר לאזן איבער..."

דאס זעלבע איז מיט מיין דרשה... ניינציג פראצענט קען איך האבן גרייט אין א פאר מינוט, ס'איז נאר די צען פראצענט וואס נישט צו זאגן, וואס דאס נעמט מיר א האלבע יאר זיך צוצוגרייטן.

די וועג ווי אזוי איך טו עס איז, ווען ס'פאלט מיר איין א גוטס, מאך איך מיר צו די אויגן און איך שטעל זיך פאר ווי אזוי איך שטיי יעצט אויפן סטעידזש פארנט פון אלע אנשי שלומינו. ביי זייט זיצט דער ראש ישיבה, דער דיין שליט"א מיטן מנהל ר' אברהם משה שליט"א. און אויב זע איך ביים מאכן דעם דזשאוק אין מיין דמיון אז איינער מאכט מיר אזוי מיט די הענט 'נא' אז איך בין געגאנגען צו ווייט, אדער אויב איך זע אזוי ווי דער מנהל מאכט מיט די אויגן, ווייס איך שוין אז דער דזשאוק גייט אראפ פון טיש....

## אזוי ווי מיר אלע ווייסן, גייסטו אסאך באזוכן ביי אידן וואס זיצן ליידער אין תפיסה. אפשר קענסטו פארציילן עפעס אן אינטערעסאנטע מעשה וואס דו האסט בייגעוואוינט?

איך וועל דיר זאגן, איך האב אמאל באזוכט ביי א איד וואס האט



געהאט א געפערליכע עבר. ער קומט פון נישט קיין מסודר'דיגע עלטערן, ער איז אויפגעוואקסן צו זיין א געפערליכער באנדיט. ער האט ליידער געטון געפערליכע זאכן וכו'.

למעשה, היינט זיצט ער אין תפיסה און ער האט זייער חרטה אויף זיינע מעשים, און פון חרטה געפילן האט ער מחליט געווען זיך אליין צו באשטראפן. ער עסט נישט און שלאפט נישט, ער פייניגט זיך פון זיינע חרטה געפילן.

האב איך אים געפרעגט: "ר' איד, אויב קומט דא מארגן אריין אין דיין תפיסה א צווייטער איד מיט די זעלבע מעשה ווי דיר געגוי, וואס וואלסטו אים געטון?"

וואס הייסט איך וואלט אים מקרב געווען און מחזק געווען און איך וואלט אים אלעס אוועקגעגעבן פון מיר אבי ס'זאל אים גוט זיין!

אויב אזוי פרעג איך אים: "וואס איז דער איד שולדיג אז דו ביסט אים?!" אוודאי דארף מען תשובה טון, אבער זיך פייניגן מיט חרטה און שולד געפילן און זיך אליינס שטראפן - דאס האט נישט קיין תכלית.

איך האב גענומען די שכל פון די מעשה פון מוהרא"ש, וואס ס'איז אמאל געקומען צו אים א שליח חב"ד זייער צובראכן. ער האט געבעטן מוהרא"ש פאר חיזוק. פרעגט אים מוהרא"ש: "פאר וויפיל מענטשן האסטו היינט אנגעטון תפילין?" זאגט ער: "7." זאגט מוהרא"ש: "ניין, 8! דו האסט דאך פאר דיך אליין אויך אנגעטון תפילין..."

נאך אן אינטערעסאנטע מעשה האב איך געהאט: אמאל רופט מיך מו"ה יואל ווייזער הי"ו, אז ס'דא א איד וואס איז אין א דיסטריביושן צענטער וואס ער דארף מיר זאלן אים גיין באזוכן.

א דיסטרייביושן צענטער מיינט די פלאץ ווי אלע ארעסטאנטן קומען אן פאר מ'שיקט זיי צום ענדגילטיגן תפיסה. דארט איז ממש געפערליך, די גוים זענען צולאזט ווי ווילדע חיות, און די שומרים דארט זענען נישט קיין סך בעסער...

ס'איז געווען א פארוואלקענטע זונטאג. איך בין געווען שוואר נישט אין די גוסטע. איך רוף אן מו"ה אהרן ווערבערמאן הי"ו און מיר פארן ארויס צום תפיסה. איך האב די גאנצע צייט געהאפט אז מיר ווילן שוין זיין צו שפעט, מ'וועט זיך צוריק דרייען, און איך וועל קענען זאגן אז איך האב געטון מיינס און שוין.

למעשה, ווען מיר זענען אנגעקומען, איז נאך געווען א האלבע שעה פארבליבן פאר דעם אידן פאר וויזיטינג, בין איך אריין מיט ר' אהרן צו דעם אידן. איך בין געווען עפעס אזוי נישט מסודר אז מיינע אויגן האבן אויסגעקוקט זייער שטרענג, און נאכן באזוך האב איך דארט יעדן איינעם באגריסט אויף זייער שפראך - איינעם ענגליש, איינעם ספאניש. עפעס האב איך דארט איבערגעדרייט, איך ווייס אפילו נישט וואס...

שפעטער האב איך צוריק געהערט אז דעם אידן האט מען זייער געפייניגט דארט אין די תפיסה. מ'האט אים צוגענומען זיין עסן, מ'האט אים געמאכט רייניגן אלע בית הכסא'ס, אויף אזוי ווייט אז איינער פון די שומרים דארט האט אים צוגענומען זיין קאפל!

אזוי ווי איך בין אים געקומען באזוכן, האט מען אים צוריקגעגעבן זיין קאפל, און מיין באזוך דארט האט געמאכט א רושם אויף אלע שומרים. זיי האבן געזען אז דער איד האט חברה פון אינדרויסן, איינער א הויכער, ברייטער, וואס רעדט אזוי מיט יעדן און דרייט איבער. האט מען אנגעהויבן אכטונג צו געבן אויף דעם אידן אז קיינער זאל אים נישט טשעפען...

***ס'איז ברייט באקאנט פאר אנשי שלומינו אז דו ביסט פול מיט ליבשאפט, ס'גיסט זיך פון אלע זייטן, דו נעמסט ארום מענטשן. פון וואו קומט דאס?***

ס'איז אמאל געווען אזא מעשה: ס'איז דא אן איד אין ארץ ישראל וואס האט א מוסד וואס העלפט קינדער פון ארץ ישראל וואס קומען פון צובראכענע שטובער. ער קומט כסדר קיין אמעריקע נאך געלט צו קענען אויסהאלטן זיין מוסד.

איינמאל ביים פליען קיין אמעריקע זאגט אים די לופטליניע אז זיי



זעען אז ער האט אזוי פיל פוינטס אנגעזאמלט, מילא מוז ער גיין זיצן אינעם ערשטן קלאס. ער האט נישט געוואלט לכתחילה... אבער זיי האבן אים נישט געגעבן קיין ברירה. ער זעצט זיך אריין אינעם ערשטן קלאס.

ער קוקט זיך אום, דאס פלאץ איז ליידיג, נאר ביים צווייטן זייט זעט ער א פרייער זיצט אנגעלאנט. בטבע האט ער נישט קיין זיך פלייש, אלץ מוז ער מיט איינעם רעדן און שמועסן. טראכט ער נישט קיין צוויי, ער שטעלט זיך אויף, ער גייט אריבער צום ערל, און הייבט אן רעדן מיט אים פון זיין מוסד. ער ציט ארויס א מאשינקע און ציינדט אן פארן פרייער אים צו צייגן פון די קינדער פון זיין מוסד.

אזוי שטייענדיג ביי די זייט האט דער איד בטעות געגעבן א דרוק אויף א קנעפל און דער פרייער טרעפט זיך ליגן אויסגעשטרעקט



פלאך. ער האט נאך געגעבן אזא באונס ארויף און אראפ... דער איד האט זיך פארלוירן, ער געבט א כאפ דעם לעפטאפ, ער מאכט זיך ווי ער געבט א קוש דעם פרייער אויף די שטערן און מאכט פליטה פון דארט.

ער לויפט צו זיין זיץ, ער דעקט זיך גוט איבער און ווייסט נישט וואו זיך צו לייגן פאר בושה. א מינוט גייט אריבער און דער גוי איז דא. "ראביי, איך דארף מיט דיר רעדן..."

הענט און פיס האבן זיך אים געוואָרפן... "הער מיר גוט אויס," זאגט דער גוי, "איך פארמאג אסאך געלט און איך בין זייער רעליגיעז. איך האב מחליט געווען אז איך וויל געבן א גרויסע סומע געלט פאר די קינדער פונעם אייבערשטן! איך בין געווען יעצט אין די מדינה מיט אלע גרויסע שישקעס און פאליטישנס. אלע האבן מיר פרובירט צו משכנע זיין אז איך זאל געבן מיין געלט פאר זייערע פרייע פראגראמען, אבער ס'האט מיר עפעס נישט געצויגן. האב איך געזאגט: 'אייבערשטער, איך מאך א סימן - ווער ס'וועט מיר קומען געבן א קוש אויף די שטערן, וועל איך וויסן אז דאס זענען דיינע קינדער.' דעריבער," פירט ער אויס, "דא האט איר א טשעקל!"

נאך אן אינטערעסאנטע מעשה: ס'דא א כולל אין ארץ ישראל וואס צאלט פאר די אברכים צוועלף טויזנט שקל א חודש, גאר א גרויסע סומע, און זיי וועלן זיך ממש די שטארקסטע אינגעלייט וואס זיצן און הארעווען יומם ולילה.

איין זאך האט אבער קיינער נישט געקענט פארשטיין: ווי אזוי קען דער כולל צאלן אזוי פיל געלט מדי חודש בחדשו אן דעם וואס מ'זאל גיין נאך געלט? דער ראש הכולל איז א פשוטער ישיבה מאן, בכלל נישט קיין עושר. פון וואו נעמט ער די געלטער?

איין יאר פורים איז דער ראש הכולל געווען גוט בגילופין, און די תלמידים האבן מחליט געווען יעצט איז די פאסיגע צייט... זיי פרעגן דעם ראש הכולל: "זייט אונז מגלה פון וואו האט איר די גרויסע סכומים?"

איך וועל אייך פארציילן, מיט עטליכע יאר צוריק בין איך געווען א כולל אינגערמאן. איך האב ממש נישט געהאט קיין געלט פאר חיי יום יום. איינמאל האט זיך געמאכט אז איך בין געפארן מיט מיין משפחה אויף די וועגן און מיין קאר איז אויסגעלאפן פון געז. עס איז געווען א פרייע געגנט. שטעלט זיך אפ דארט א פרייער איד, און אזוי ווי ער זעט אז איך בין א פרומער, איז ער גלייך ווייטער געפארן. למעשה טראכט ער פון מיינע קינדער, וואס זענען זיי שולדיג אז איך בין א פרומער?? ער גייט מיר העלפן... ער קומט צוריק, ער האט אזא רויטע קאנע, ער טראגט מיר צו צום נאענטסטן געז סטעישן און ער זאגט מיר, "פיל דיר אן געז."

איך קוק אויפן וואנט, זע איך דארט א טאוול "מיר היטן נישט קיין שבת" ה"י. איך זאג פאר דעם פרייען איד, "אנטשולדיגט, אבער דא קען איך נישט איינקויפן!"

דער איד איז געווארן גערעגט אויף מיר, "דו פרומער מיט דיינע מעשיות..." אבער ער דערמאנט זיך פון מיינע קינדער און האט רחמנות באקומען אויף זיי. זאגט ער מיר, ער וועט מיר צוטראגן צום נעקסטן געז סטעישן. אויפן וועג פרעגט ער מיר, "וואס האקסטו אין קאפ אריין מיט דיינע משוגעת'ן? די נעקסטע געז סטעישן היט דאך אויך נישט קיין שבת" ה"י.

"הער מיר צו," האב איך אים געענטפערט, "איך האב זייער ליב דעם אייבערשטן און איך פריי מיך צו קענען טון רצון השם. אויב האט יענער אזא חוצפה ארויסצושטעלן א צעטל זאגנדיג אז ער היט נישט קיין שבת, לאזט מיך מיין געוויסן נישט קויפן דארט. איך האב אזוי ליב דעם אייבערשטן!"

ער הערט אויס און האט גארנישט געענטפערט.

א שטיק צייט שפעטער באקום איך א טעלעפאן פון דעם מענטש. ער פרעגט מיר אויב איך געדענק די מעשה. זאג איך אז יא. זאגט ער






מיר אז זיין טאטע איז געווען פון די רייכסטע מענטשן אין דעם לאנד און ער איז יעצט אוועק, און ער האט אים איבערגעלאזט א צוואה אז האלב פון זיין פארמעגן לאזט ער פאר זיין קינד און די אנדערע האלב - ער פילט זיך שלעכט, ער האט פארברענט זיינע טעג מיט שטותים והבלים און יעצט גייט ער שוין אוועק פון דער וועלט - דעריבער זאל ער טרעפן א איד וואס האט באמת ליב דעם אייבערשטן, און ער זאל אים געבן די אנדערע האלב פאר א זכות פאר זיין נשמה!

"דעריבער קלינג איך דיר צו זאגן אז דו האסט א פארמעגן!"

דער ראש ישיבה האט לעצטע וואך גערעדט ביי שלש סעודות אז קיינער קען דיר גארנישט צונעמען פון דיין פארמעגן. דו טו וואס איז ריכטיג, און וואס איז דיינס וועט שוין קומען צו דיר, אפילו אויף די מינוט וואס דו מיינסט אז דו גייסט דערלייגן.

### צום שלוס ענדיג צו מיט עפעס א גוטע מילתא דבדיחותא!

אמאל איז געווען א זיידע וואס האט אלע יארן זיינע געדרייווט אלטע קארן פון די 1900 יארן, ער האט קיינמאל נישט געוואלט הערן פון עפעס ניי. איין שיינעם טאג זעט מען אים ארומשמייסן מיט א נייע 2026 דינעלי!

דער עולם האט געהויבן ברעמען אויף דעם אינטערעסאנטע מראה, פארוואס האט ער מחליט געווען צו קויפן אזא שיינעם נייעם דינעלי אויף דער עלטער. אבער וואס א חילוק, געגאנגען ווייטער.



א פאר טעג שפעטער קומט ער צוריק צום דילער אז ער וויל צוריקגעבן די קאר, ער דארף עס נישט.

פרעגט אים דער דילער: "וואס גייט פאר, וואס איז די פראבלעם?" זאגט ער: "איך ווייס נישט, עפעס יעדע מאל וואס איך בעק צינדט זיך אן א ווידיא אויפן סקרין וואו מ'זעט בחורים לויפן, קינדער וויינען, מאמעס מיט פיצלעך קינדער שרייען און לויפן פאר זייערע לעבן. אזא קאר דארף איך נישט!"

נאך איין מעשה און שוין: עס איז געווען אמאל אויף א פליגער וואס די פילאטן האבן אויסגערופן אז די פליגלען זענען אויף פייער, אבער "נישט געזארגט, ס'איז נאך דא פיינע שניצל..."

אמאל בין איך געגאנגען אויף דער גאס אין א הייסן זומער טאג, זע איך דריי מענטשן קומען מיר אנטקעגן. איינער האלט א פען, איינער האלט א באטל סאדע, און איינער שלעפט די טיר פון א קאר.

פרעג איך די חברה ארום: "וואס גייט דא פאר?" זאגט מיר דער ערשטער: "אויב ווער איך הייס, קען איך אנצינדן דעם פען." זאגט דער צווייטער: "אויב ווער איך הייס, קען איך טרינקען פיינע סאדע." זאגט דער דריטער: "אויב ווער איך הייס, קען איך עפענען די פענסטער..."

דער עיקר מ'זאל זיך האלטן פריש און פרייליך אין אלע מצבים און זיך פרייען מיט דעם אז מיר האבן אזא רבי. מיר זענען עוסק אין תכלית צו ארייננכאפן יעדן טאג א שחרית'ל א מנחה א מעריב. אפאר פסוקים חומש, אפאר פרקים משניות, א דף גמרא, א מחי'ה, דאס מאכט באמת פרייליך א מענטש.

**א גרויסן שכח פארן אונז מהנה זיין, און ארויפברענגען א שמייכל אויפן פנים, דער אייבערשטער זאל העלפן, זאלסט אלץ קענען זיין פרייליך און פרייליך אלע ארום דיר, אויפלעבן אידישע קינדער ביז די הונדערט און צוואנציג יאר.**

# EXPANDED STAFFING TO BETTER SERVE PATIENTS

Our newly expanded care team now supports patients across **Bloomingburg, Liberty, Gibbers, Monticello, and the greater Catskills.**

Medease®

CARE AT HOME

845.208.2060

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





**סיום הש"ס פון הבחור זושא לעווינזון ני"ו - תלמיד ישיבת היכל הקודש ירושלים - ג' יתרו**

קרעדיט: שלמה מינצבערג





**די קינדער פון די תלמודי תורה היכל הקודש ארץ ישראל ביים זיך שפילן אין א פארק - ג' יתרו**

קרעדיט: שלמה מינצבערג





**די תלמידים פון די מוסדות אין ארץ ישראל ביים ציון פון מוהרא"ש זי"ע אין טאג פון די יארצייט - ג' יתרו**

קרעדיט: שלמה מינצבערג



**די בחורים פון ישיבת היכל הקודש ירושלים ביים ציון פון רבי מאיר בעל הנס אין טבריה - ג' יתרו**

קרעדיט: שלמה מינצבערג



**אנגעהויבן רענאוואציעס צו פארברייטערן דעם ביהמ"ד אויף 8 העיס אין קרית יואל - ה' יתרו**

קרעדיט: נפתלי זאבעל



**חבר הנהלה מו"ה שבתי מזרחי הי"ו אין א מיטינג מיט די הנהלת המוסדות אין ארץ ישראל - א' משפטים**

קרעדיט: שלמה מינצבערג



**נייע שיפמענט פון ספרים צו דערווארעמען אידישע הערצער אין די פארפרווירענע קאנאדע - א' משפטים**

קרעדיט: אלי ציג




**ווייטערדיגע פארשריט מיט די קאנסטרוקציע ארבעט צו פארברייטערן דעם ביהמ״ד היכל הקודש 8 העיס אין קרית יואל - א׳ משפטים**

קרעדיט: נפתלי זאבעל




**ביים פארלערנען די דף גמרא - מוצש״ק יתרו**

קרעדיט: אייזיק ראטה




**שיעור אין הלכות טהרה דורכן דיין שליט״א אין לעיקוואוד - א׳ משפטים**

קרעדיט: שמעון פיש









**טיי אווענט פארן כולל אין שטוב פון מו"ה לוי יצחק זאפיר הי"ו אין בארא פארק - א' משפטים**

קרעדיט: יוסי פרערויא, שלומי האממער



**חברת תהילים נאך כולל בוקר אין היכל ראזענבערג אין שטעטל - ב' משפטים**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**הלכה שיעור פאר ארבעט אינגעלייט און בחורים אין ישיבה - ג' משפטים**

קרעדיט: שלומי האממער





**דער קאנטראקטאר פונעם בנין אין אומאן מו"ה מרדכי דביר הי"ו אויף א באזוך אינעם מצה בעקעריי אין שטעטל - ג' משפטים**

קרעדיט: יואל ראזענבערג





**דער דיין שליט"א ביים באטראכטן די ארבעט אין די מצה בעקעריי אין שטעטל - ג' משפטים**

קרעדיט: יואל ראזענבערג







**טרענירונגען פאר די חברים מיט די חביבים מעמבערס אינעם חברה הצלה גאראדזש - יתרו**




**דער געטרייע באס מענעדזער מו"ה אליעזר שמן הי"ו ביים אנצינדען די באסעס אינדערפרי - ד' משפטים**



**דער קאנטראקטאר פון די בנין אין אומן מו"ה מרדכי דביר הי"ו ביים געבן שלום פארן ראש ישיבה שליט"א אין ישיבה - ד' משפטים**

קרעדיט: יואל ראזענבערג




**ברית פון הילד יוסף נ"י בן מו"ה שמואל יצחק הלוי שטיינבערג הי"ו אין ישיבה - ד' משפטים**

קרעדיט: שלומי האממער






**ברסלב'ע מצה בעקעריי אין פולן שוואונג צוצושטעלן מצות פאר אנשי שלומינו- ה' משפטים**

קרעדיט: נפתלי זאבעל



**מלוה מלכה מיטן בויער פונעם בנין אין אומאן ווי מ'גייט איבער דעטאלן פאר ראש השנה תשפ"ז הבעל"ט - מוצש"ק משפטים**

קרעדיט: אשר לעמיל זוסמאן



**ביים צוגרייטן דעם שבת פעקל, בלעטל, עצתו אמונה און גליונות אין האשקי שול - ה' משפטים**



**חשובע אינגל כאפט אריין צו לערנען בלעטער גמרא צו מאכן א סיום פארן בר מצוה - ב' תרומה**



**ביים פארלערנען די בלאט גמרא אין ביהמ"ד אין שטעטל - מוצש"ק משפטים**

קרעדיט: שלומי האממער



**די קינדער פונעם תלמוד תורה אין ירושלים באטראכטן ווי מען טראגט ארויס די זאכן אריבערצופירן צום נייע לאקאל אין בית שמש - ב' תרומה**

קרעדיט: שלום לוין



**אין א היסטארישע מאמענט טוט זיך די תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים אריבערציען צום נייעם לאקאל אין בית שמש - ב' תרומה**

קרעדיט: שלום לוין

## און עד אין
## בלעטל
## ברענגט
## רעזולטאטן

845-379-1161

ads@bletelmagazine.com

## מזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שמעון קורוזו הי"ו**

וזוגתו נחמה מלכה תחי'

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

Loop PLUMBING

Keep life flowing

917.202.1206

## קלאסיפיידס

### הערליכע דירה

א הערליכע פריוואטע דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן זומער תשפ"ו הבעל"ט.

אנטהאלט 4 שיינע בעדרומס, 2 טוילעטס, מיט א שיינע לאט

**רופט 917-501-5100**

### בינדעריי

ד' איד, ווארט נישט ביז אייערע ספרים ווערט צוריסן, גלייך ווען איר קויפט א ספר געבט עס צו בינדן, מיר מאכן א געלונגענע פראפעסיאנאלע ארבעט.

**רופט דעם בינדער חיים זאנוויל פליישמאן**

**845-866-8643**




BLACK & WHITE THREAD, COLORED THREAD, HAND NEEDLES, NEEDLE THREADER, MACHINE NEEDLES, MACHINE FOOT ATTACHMENTS, BOBBINS, STICK PINS, MAGNETIC PIN TRAY, TOMATOE PIN CUSSION, TRIANGLE CHALK, WHITE & BLUE CHALK, SNAPS, HOOK & EYES, SAFETY PINS, CLEAR RULER, TAPE MEASURE, RETRACTABLE TAPE MEASURE, SEAM RIPPER, PROFESSIONAL THREAD SNIPPER, SHARP FABRIC SCISSORS, REG. INVISIBLE & COAT ZIPPERS, BLACK & WHITE PATCHES, EZ LASTIC, BLACK & WHITE ELASTIC BY THE YARD, BLACK & WHITE BEKISHA BUTTONS, SHIRT & REKEL BUTTONS, PATTERN TRACING PAPER, TRACING WHEEL, ROLL STITCH WITCHERY, ADJUSTABLE REFLECTOR $5.50

get your mending done within a week iy"h

are you in a rush? special service get your job done within 2 business days for double price

all prices are given after job is done

ready to serve you **Leah Weberman** // 845-662-4080

KB Seamstress

# PREMIER OFFICE SPACE FOR LEASE

646.938.2503 - 39oldmonticello@gmail.com

COFFEE STATION AROUND THE CLOCK · COMPETITIVE PRICING · PRIVATE ENTRANCE · PRIVATE BATHROOM

CATSKILL PROFESSIONAL PLAZA


המלך
AUTHORISED
Since 1950
פארקאש
Farkas Judaica
RETAILER
CUSTOM
SHOWROOM
FINE JUDAICA
917-474-6118
BORO PARK:
4529-16TH AVE.
BROOKLYN NY 11204
WILLIAMSBURG:
187 RODNEY STREET
BROOKLYN NY 11211
LIBERTY:
10 SCHOOL ST.
LIBERTY NY 12754
LINDEN:
NEW LOCATION
224 LIVINGSTON RD.
LINDEN NJ 07036
*sruliHeskel

אין א צייט פון א שמחה
אדער אויב האט איר א יארצייט

# כאפט א זכות

| | | |
|---|---|---|
| מהדורת קונטרס עצתו אמונה | זכות הפצה קונטרס עצתו אמונה | זכות גליון |
| $500 | $180 | $360 |

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב

פארבונדט אייך היינט מיטן גבאי:

מו"ה לייבי ראטה הי"ו
347.578.4449

*sruliHeskel

# אינדערהיים



**מיין שכן אין קימפעטארן היים**
ג. פעקעטע

**covered פארן יאר**
ש. ל. פליישמאן

**ערוווארטונגען ברענגט אנטוישונגען**
ש. טראכטער

# א ליידיגע זיץ אויפן פליגער

הער א מעשה

# אינדערהיים



4



25

**בס"ד**
פרשת
תרומה
תשפ"ו
**נומער 10**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
פ. גליק

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Inderheim@bletelmagazine.com**
**Kinderheim@bletelmagazine.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**
אידישע שטוב:
**212.444.9169**

ש. ל. פליישמאן

# אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## פארן יאר Covered

דער הייליגער רבי שמעון האט געפרעגט,
פארוואס איז געפאלן מן אלע טעג?
וואלט נישט געווען גרינג און געשמאק,
איין מאל א יאר, מען באקומט א זאק?
א זאק וואס אין דעם שוין עס ליגט,
נערונג און שפייז פאר א גאנץ יאר גענוג...

למשל אזא מין protein shake,
וואס האלט זיך פריש לאנגע טעג.
און אין דעם טוט זיך שוין געפינען,
אלע מינעראלן און וויטאמינען...
יעדן טאג ready אין קעבינעט,
מען האט אלץ גרייט עסן צו דער זעט...

~~~

א קעניג האט חתונה געמאכט זיין פרינצעסן,
זי האט אבער פון אים אינגאנצן פארגעסן.
איין מאל אין יאר געקומען פאר די איין צוועק,
אויפפיקן פון אים א גרויסע טשעק.
$365,000 - גענוג פאר יעדן טאג $1000 מעות,
אזויפיל זענען געווען זייערע טעגליכע הוצאות...

דער קעניג, פון בענקשאפט, איז אויסגעגאנגען,
נעקסטע מאל האט ער נאר $1000 געטון דערלאנגען.
טאטע, פרעגט די פארצערטעלטע בת יחידה,
אזויפיל איז גענוג פאר א איין טאגיגע סעודה...
געבסט נישט מער? ס'איז מיר אומקלאר,
כ'האב ליב צו זיין covered פאר די יאר...

דער קעניג, אויף זיין טאכטער ליבליך קוקט,
א באזוך פון דיר, איז מיר אזא גליק!
אויב געבן איך וועל דיר פארן יאר איין מאל,
בלייב איך עלנד, אליין ווי א fool...
איך גלוסט און בענק צו הערן דיין שטימע,
וויל איך דו זאלסט יעדן טאג קומען...

~~~

באקומסט ווי א שווייצער זייגער דיין געהאלט,
נישט דיין בעל הבית איז דער וואס טיילט...
האסט ב"ה עסן, געשמאק צו דער זעט,
ווער זארגט זיך פאר דיין בודשעט?
ביסט שוין גע'סעטל'ט מיט א גוטע גויטע...
געדענק נאך אלס צו זאגן, מזמור לתודה...!

נאר צום באשעפער האף און קוק ארויס,
ער זאל בענטשן דיין שטוב, דיין הויז,
באשעפער העלף, בעט יעדן טאג נאכאמאל,
מיינע קינדער זאלן מצליח זיין אין חדר און אין סקול,
מיין מאן זאל מצליח זיין אין זיינע געשעפטן,
און מיר אלס מאמע, געב כח און קרעפטן...

ווי די מן, יעדן טאג, בעט פון פריש,
טאטע, געב מיר מיין יעדע באדערפעניש,
אפילו דו ווייסט, מארגן איז payroll,
מאך נאך אלס א תפילה מיט דיין מויל...
ברוך ה', הודו לה', זינג א געזאנג,
זאג ש'כח אייבערשטער פאר יעדע זאך דאנק...!!

צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169

ש. טראכטער



# עהווארטונגען ברענגט אנטוישונגען

איך לייד נישט פון 'פּיער פּרעשור'. באמת. איך לעב פאר זיך און עס גייט מיר נישט אן וואס יענער זאגט און טראכט."

אזוי האב איך געזאגט און גע'טענה'ט צו מיר אליין און צו מיינע ארומיגע. איך האב טאקע אזוי געמיינט, ביז איך האב ארויסגעמופט פון שטאט. דעמאלטס האב איך איינגעזען אז איך האב געלעבט אין א דמיון. אוי, ווי איך האב געהאט לחץ פון אנדערע! עס איז געווען אפילו אונטערן באוואוסטזיין אז איך האב ניטאמאל אויפגעכאפט מיט וויפיל דרוק איך לעב. איך האב ניטאמאל געוואוסט וויפיל "מה יאמרו הבריות" (וואס זאגן מענטשן) אפעקטירט מיין לעבן.

נאר ווען איך האב זיך ארויסגעצויגן אביסל "חוץ לישוב" האב איך אנגעהויבן באמערקן אז "איך האב געצאלט געלט וואס איך האב נישט, צו קויפן זאכן וואס איך דארף נישט און גלייך נישט, צו באאיינדרוקן מענטשן וועמען איך קען נישט!"

איך האב געשפירט חירות, אויסגעלייזט, באמת פריי.

אביסל שפעטער האט מיר דער אייבערשטער געגעבן די זכי' און אונז באלאכטן די אויגן מיט די הערליכע און ליכטיגע שיעורים פון דעם ראש ישיבה שליט"א. איך האב געהערט א שיעור

און נאך א שיעור, א ניגון און נאך איינס. טאג נאך טאג, וואך נאך וואך, חודש נאך חודש, יאר נאך יאר. עס איז נישט געגאנגען אין איין טאג. אבער ערגעץ אינצווישן האב איך אנגעהויבן שפירן אז "יעצט" הייב איך אן לעבן "פאר מיר". איך האב געמיינט אז איך לייד שוין נישט פון "פיער פרעשור" זייט איך האב זיך ארויסגעצויגן פון שטאט, אבער הערנדיג די שיעורים האב איך איינגעזען אז איך האב נאך א ווייטן מהלך צו גיין. איך האב אנערקענט אז פון גוט צו בעסער איז נישט דא קיין שיעור.

איך האב אנגעהויבן שפירן 'באמת' אויסגעלייזט. אביסל א בחינה פון 'אמת'ע אמת'. איך האב געדאנקט דעם אייבערשטן פאר די מתנה אז די שיעורים שווענקען מיר אויס דעם מח, צו טראכטן פון תכלית, פון אמת און צו לעבן נאר פאר'ן אייבערשטן.

אין א שיעור דערציילט דער ראש ישיבה שליט"א אז מוהרא"ש זי"ע פלעגט אסאך דערציילן די מעשה אז מען האט אמאל געהערט פסח ביינאכט ווי א פשוט'ער איד וויינט ביי די ווערטער: "תָּם מָה הוּא אוֹמֵר?" ער האט עס איבערגעזאגט נאכאמאל און נאכאמאל. האט מען אים געפרעגט: "וואס איז דא צו וויינען ביי די ווערטער?" האט ער געזאגט: "איך פארשטיי גארנישט. איך זע אין די הגדה אז דער חכם זאגט עפעס און דער רשע זאגט עפעס. וואס גייט מיר אן וואס דער חכם זאגט אויף מיר, וואס דער רשע האלט פון מיר? אבער 'תָּם, מָה הוּא אוֹמֵר'? ער ווייזט מיטן פינגער ארויף, וואס זאגט מען אויף מיר אויבן אין הימל (אויף רוסיש זאגט מען 'דארט' - תָּם), דערפאר וויינט ער: 'תָּם, מָה הוּא אוֹמֵר'? וואס זאגט מען אויבן אויף מיר; דער האלט אז איך בין א בטלן, דער האלט איך בין א שלימזל, אבער רבונו של עולם וואס האלסטו פון מיר? רבונו של עולם איך וויל זיין באוויליגט אין דיינע אויגן."

אט דאס האב איך אנגעהויבן שפירן. אויסגעלייזט, א ווילן צו לעבן נאר פאר'ן באשעפער. איך האב טאקע געלויבט און געדאנקט, אבער גלייכצייטיג זיך געשפירט אין הארץ א טראפ העכער און בעסער ווי אנדערע וואס האבן נישט זוכה געווען צו טרינקען פון דעם אונגערישן ווין... א טראפקעלע געפיל אז "איך האב עס! איך בין שוין מסודר..."

ביז איין טאג... ווען איך האב געליינט די געשיכטע וויאזוי רבי נחמן פון טולטשין האט זיך זייער מוסר נפש געווען צו דרוקן די ליקוטי הלכות פון רבי נתן. ווען ער איז ענדליך אנגעקומען מיט די ערשטע פאר ספרים ארויס פון דרוק, האבן די אנדערע תלמידים פון רבי נתן זיך אויסגעדרוקט, "אהא, מיר דארפן שוין מער כבוד געבן פאר רבי נחמן, אז ער האט דאס געקענט באווייזן."

האט זיך רבי נתן אויסגעדרוקט, "רבי נחמן... צו קומען נאנט צו אים, דארף מען זיין ריין פון קנאה, תאוה און כבוד."

דערנאך האט רבי נתן צוגעלייגט, "וואס זאל אבער דער מענטש טון אז ער פאלט נאך יא און ער ליידט נאך יא דערפון?"

האט רבי נתן אויסגעפירט, "מיט קנאה און תאוה וועט דיר נאך דער רבי אנעמען, אבער א מענטש מוז אוועקווארפן יעדע ביסל ווילן פאר כבוד." (פארשטייט זיך, מיט די צייט וועט דער רבי אונז אויסוואשן פון קנאה און תאוה אויך... אבער כבוד דארף מען אוועקווארפן צו קענען מקבל זיין פון רבי'ן.)

איך האב איבערגעליינט די ווערטער איינמאל און נאכאמאל. עס איז מיר געווען א בליץ פון חשבון הנפש.

> כבוד. איך דארף כבוד? נע. ווער דארף כבוד...? א קינדישע זאך. נישט אזוי?
> ניין. ממש נישט. א גרויסע נסיון. לאמיר עס אנרופן שענער: "אנערקענונג, שעצונג, אויפמערקזאמקייט."

כבוד. איך דארף כבוד? נע. ווער דארף כבוד...? א קינדישע זאך. נישט אזוי?

ניין. ממש נישט. א גרויסע נסיון. לאמיר עס אנרופן שענער: "אנערקענונג, שעצונג, אויפמערקזאמקייט."

אין אנדערע ווערטער, "אפהענגיג אין וואס א צווייטער טראכט אדער האלט פון מיר."

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אומצאליגע מאל ביי די שיעורים, "ערוואַרטונגען ברענגען אנטוישונגען. א מענטש וואס איז נישט אנגעוויזן אין קיינעם לעבט א גליקליכע לעבן."

מוהרא"ש זי"ע שרייבט אין די צוואה אז א מענטש זאל נישט זיין אנגעוויזן אין קיינעם און וויסן אז ער האט נאר דעם אייבערשטן.

איינע פון מיינע קינדער האט אמאל געהערט ווי דער ראש ישיבה שליט"א זינגט, "איך דארף נישט קיינעם, נאר דיר באשעפער אליינס." זי פרעגט מיר דערשראקן, "ער דארף נישט זיין משפחה?"

עס איז אפשר שווער עס מסביר צו זיין פאר א קינד, אבער מיר דארפן עס מסביר זיין פאר "דאס קינד אין זיך..."

א מענטש וואס איז אנגעוויזן אין אנדערע, זאל זיין סיי ווער, פאר אנערקענונג, שעצונג, אויפמערקזאמקייט אדער כבוד - איז אן אומגליקליכער מענטש. עס איז א מורא'דיגע עבודה נישט צו זיין אנגעוויזן אין ק-י-י-נ-ע-ם... עס איז בכלל נישט פשוט.

איך בין זיך מודה, איך שרייב ווערטער וואס איך בין נאך נישט זוכה צו שפירן אינגאנצן, אבער דער הייליגער רבי האט אונז געזאגט אז דער עיקר איז "דאס ווילן".

איך האב געהאט א מינוט פון חשבון הנפש ווען איך האב געהערט אן עלטערע פרוי מיט איבער א מנין קינדער זיך אויסדרוקן לעצטנס מיט אסאך ביטערניש, "קיינער דארף מיר שוין נישט, קיינער זוכט מיר שוין נישט. קיינער פרעגט מיר שוין נישט מיין מיינונג... שוין... עס איז אונטערגעוואקסן א נייער דור... איך בין שוין נישט נויטיג." (דערפאר טאקע איז אונז דער ראש ישיבה אזוי מזהיר צו

האט רבי נתן געענטפערט, "אט איז מען א קינד, אט א אינגערמאן און אט פירט מען אים צו די קבורה." מיינענדיג צו זאגן דערמיט אז ער רעדט צום אינגערמאן, וואס איז מארגן פון דעם קינד.

מכבד זיין און רופן די עלטערן און זיי געבן די גוטע געפיל...)

עס קומט א צייט וואס אויב מען לעבט נישט מיט די שכל און עצות פון רבי'ן, ווערט מען נעבעך זייער אנגעוויזן אויף די קינדער. אויב מען לעבט נישט מיט דעם געדאנק אז "איך דארף נישט קיינעם..." איז עס א שווערער איבערגאנג פאר א מענטש. עלטערן זענען געוואוינט צו געבן און געבן, די קינדער זענען אזוי אנגעוויזן אויף זיי. די ערשטע 30 יאר נאך די חתונה ביסטו זייער א "געזוכטער" מענטש... אבער דאן קומען די "גאלדענע יארן" (אויב מען איז זוכה צו לעבן מיט'ן אייבערשטן...) און א מענטש דערזעט זיך פלוצלינג נישט פארנומען, נישט געזוכט.

הערנדיג די פרוי רעדן מיט ווייטאג, האט מיר געגעבן א וועק אויף. מען האט אמאל געזען ווי רבי נתן שמועסט מיט א אינגל און די תלמידים האבן זיך געוואונדערט דערויף און אים געפרעגט "היתכן, רבי נתן פארברענגט אזויפיל צייט מיט א אינגל?"

האט רבי נתן געענטפערט, "אט איז מען א קינד, אט א אינגערמאן און אט פירט מען אים צו די קבורה." מיינענדיג צו זאגן דערמיט אז וואס ער רעדט צום אינגערמאן, וואס איז מארגן פון דעם קינד.

אבער אויך לערנט אונז די שיחה אז דאס לעבן לויפט אריבער זייער שנעל. יעצט זענען מיר טאקע דער וואס געבט פאר די קינדער און פאר אנדערע, אבער נאך אביסל טרעפט מען זיך ליידיג. אין די וועלט הייסט עס א "מיד לייף קרייסיס" (א מיטן לעבן קריזיס). אבער פאר אן ערליכער איד, און זיכער אויב מען איז זוכה צו טרינקען פון דעם נחל נובע מקור חכמה, איז אלעס איינס. מיט קינדער, אן קינדער, מען דארף מיר יא, מען דארף מיר נישט. איך דין



דעם אייבערשטן און דאס איז עפעס וואס איז נישט אנגעוויזן און נישט אנגעוואנדן אין קיינעם קיינמאל!

אז א מענטש איז זוכה זיך צו רייניגן פון "כבוד", פון זיין אנגעוויזן אויף יענעמ'ס גוט ווארט, שמייכל, דאן איז אים איבעראל גוט. דאס איז א מורא'דיגע עבודה, יסוד און שכל אין לעבן.

א קליין קינד איז אנגעוויזן אויף טאטע מאמע, מחנכים און ארומיגע וואס זאלן אים כסדר זאגן "ביסט גוט, ביסט גוט." ווי עלטער א מענטש ווערט און די שכל זעצט זיך אים אריין, דארף מען מער און מער בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן נאר וועלן אים געפעלן און נישט זיין אנגעוויזן אין אנדערע. נישטא נאך אזא ארימאן ווי איינער וואס איז אנגעוויזן אויף וואס א צווייטער טראכט פון אים.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אמאל געזאגט, "פריי זיך נישט אזוי שטארק צו יענעמ'ס גוט ווארט, אז דו זאלסט נישט ווערן אזוי צושאסן פון זיין קריטיק."

אזוי אויך געבט אונז דער ראש ישיבה שליט"א כסדר די חיזוק, "דיין מאן וויל דיר העלפן? זייער שיין, אז נישט... זייער שיין."

עס ליגט א טיפער שכל אונטער דעם. 'זיי נישט אנגעוויזן אין קיינעם, נישט בגשמיות און נישט בנפשיות.' דאס זענען זייער שטארקע און שווערע ווערטער צו מקיים זיין. אבער מיט אונזער געוועהר פון תפילה והתבודדות וועלן מיר בס"ד פועל'ן.

שטעלט זיך פאר ווי אויסגעלייזט א מענטש שפירט ווען מען קימערט זיך נישט וואס די בעל הבית, חבר'טע, שכנ'טע, שוועגערין, מחותנים, געשוויסטער אדער קינדער טראכטן איבער אים. אזא מענטש לעבט א פרייע, אויסגעלייזטע לעבן. דאס מאכט אים קענען שטייגן אין רוחניות, וואס ערמעגליכט "אשריך בעולם הזה וטוב לך בעולם הבא." (וואויל איז אים אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.)

די געפיל פון זיין אנגעוויזן אויף אנדערע איז נאטורליך. עס איז אבער א חלק פון עבודת ה'. מיר דארפן ארבעטן דערויף. ספעציעל איז עס פאר געוויסע שווער ווען מען האלט אינמיטן התקרבות צום הייליגן רבי'ן, און מען שפירט התנגדות פון ארומיגע. דאן ווערט צומאל זייער שווער אויפ'ן הארץ.

נישט אלעמאל שפירט מען עס גלייך ביים אנהייב פון התקרבות, ווייל דאן איז מען נאך צומאל אזוי פאר'שיכור'ט און אונטער דעם רושם פון דעם נייעם גן עדן וואס האט זיך געעפנט פאר דיר. די ליכטיגקייט דערפון טוט אין א געוויסן זין צומאל פארבלענדן די מניעות. אביסל שפעטער, ווען מען געוואוינט זיך שוין צו צו דער ליכטיגקייט, פאטשט די מציאות אין פנים און עס שטעכט, אוי ווי עס שטעכט.

מען זעט זיך מבוזה אין די אויגן פון אלע וואס האבן דיר אמאל געשעצט און ארויפגעקוקט. צומאל איז שווער צו גיין צו משפחה שמחות. עס איז שווער זיך צו טרעפן מיט אלע פריינט און באקאנטע. עס איז אפילו צומאל שווער צו גיין פשוט איינקויפן, צוליב די אומאנגענעמליכקייט פון טרעפן מענטשן און זיך שפירן אזוי... דערנידערט... אראפגעקוקט אין די אויגן פון מענטשן.

דאן דארפן מיר זיך מחזק זיין אז דער הייליגער רבי האט אונז שוין געזאגט אז דריי זאכן האט ער גע'פועל'ט פאר אונז. די ערשטע איז אז מיר וועלן שוין נישט קענען טון אן עבירה בשלימות, דאס הייסט, מיט אונזער תפילה והתבודדות וועט אונז דאס הארץ כסדר קלאפן צוריקצוקומען צום אייבערשטן. די צווייטע איז אז מיר וועלן שוין נישט קענען ליידן שקר, מיר וועלן שוין נישט קענען נעמען 'געמאכטע שטיק'. און די דריטע איז אז דער רבי וועט אוועקנעמען פון אונז 'גדולה'. דאס איז א גרויסע טובה פאר אונז, ווייל דער הייליגער רבי העלפט אונז פטור ווערן פון גאוה, פון זיין אנגעוויזן אויף אנדערע מענטשן, וואס דאס וועט אונז ביישטיין בזה ובבא.

אין אנהייב איז שווער, עס ציפט, אזוי ווי אן אפעראציע וואס טוט ווי, אבער נאכדעם בס"ד ווערט מען געזונט. דער רבי היילט אונז. מיר האבן געלעבט ביז היינט ווי אן אינוואליד, אנגעוויזן אויף די הילף פון אנדערע. דער רבי מאכט מיט אונז 'טעראפי', דער רבי לערנט אונז אויס גיין אליין. מיר דארפן מער נישט 'קראטשעס', די געפיל פון, "ביסט גוט, איך האלט פון דיר..." פון אנדערע מענטשן.

דער רבי היילט אונז... און גיט אונז די זכיה צו ווערן אויסגערייניגט פון "כבוד" פון זיין אנגעוויזן וואס אנדערע האלטן און זאגן אויף מיר.

דער רבי היילט מיר... צו קענען דיקטירן מיין לעבן און מיין עבודת השם נישט געוואנדן לויט די מיינונג וואס א צווייטער האט אויף מיר.

דער רבי היילט מיר... און לערנט מיר צו מאכן תפילה אז איך זאל נישט מאכן קיין מציאות פון א מענטש, נאר טון וואס איז ריכטיג בעיני ה'.

דער רבי היילט מיר... אז איך זאל לעבן מיט תכלית, מיט איין אויג אויסגעדרייט צו יענע וועלט און טראכטן "תם מה הוא אומר?" וואס זאגט מען אויף מיר "דארט" אויבן אין הימל...

ווייל ווי מוהרנ"ת האט געזאגט, "די וועלט איז נישט און מען קען איר נישט באקומען, יענע וועלט איז יא און מען קען איר יא באקומען!"

ש. טראכטער




**אין קורצן פון פריער:** **הבחור יוסף וואנקער אנטלויפט פון פוילן קיין אמעריקע, כדי נישט צו דארפן דינען אין מיליטער.**

**ער קומט אן אליין אין ארגענטינע. די אידן נעמען אים שיין אויף, כאטש זיי זענען ווייט פון אידישקייט.**

**אלגא א יונג מיידל וואקסט אויף פריי אבער ציעט זייער צו אידישקייט.**

## ג

דערווייל האט אלגא פארשאפט א הלכות שבת ספר אויף ספאניש און אנגעהויבן היטן הלכות וויפיל זי האט געקענט.

איין זאך איז איר נאך געווען זייער שווער.

אלגא פלעגט גיין יעדע וואך פרייטאג צונאכטס צו א גוי'שע שוי-שפיל מיט אירע חבר'טעס. די באבע אסתר האט געערעדט צו איר פון שבת און פון מוקצה, דערפאר האט זי באשלאסן צו געבן פאר אירע נישט אידישע חבר'טעס די געלט אז זיי זאלן איר באצאלן, און זי האט געטראכט אז אזוי מעג זי יא גיין.

איר געוויסן האט איר אביסל געדרוקט, אבער זי האט געטראכט אז דאס קען זי נישט אויפגעבן און זי איז ווייטער געגאנגען.

ביז איין וואך פרייטאג צונאכטס, ווען זי האט זיך אויפגעוועקט מיט א שרעקליכן חלום.

אלגא איז געגאנגען ווי יעדע וואך מיט אירע חבר'טעס צום טיאטער. אירע חבר'טעס האבן באצאלט פאר איר דאס געלט וואס זי האט פריער אנגעגרייט, אפילו זיי האבן נישט פארשטאנען פארוואס, אבער זיי האבן איר א טובה געטון.

אלגא איז געזעסן מיט אירע חבר'טעס און פארברענגט. די שפיל איז געווען עקסטער אינטערעסאנט. די חבר'טעס האבן אינאיינעם געלאכט, געוויינט, געשריגן און געהאלטן די אטעם. געווענליך האט זיך א שפיל געצויגן אביסל מער ווי א שעה, אבער היינט האט זיך עס אריינגעצויגן ביז שפעט ביינאכט, און עס איז שוין געווען לאנג נאך האלבע נאכט ווען אלגא איז ארויס מיט אירע חבר'טעס, מיד און אויסגעמאטערט.

די גאסן זענען געווען שטאק טינקל. די חבר'טעס זענען ארויף אויף די באס וואס האט זיי געפירט אהיים. אויך אלגא פלעגט

אמאל גיין מיט דער באס אהיים, היינט אבער גייט זי צופיס, ווייל זי ווייסט אז אזוי האט איר די באבע אסתר געזאגט.

די גאסן זענען געווען שרעקעדיג און טינקל. אלגא האט זייער מורא געהאט. יעדע מינוט האט זיך איר געדאכט אז עפעס שלעכטס וועט פאסירן. עס איז געווען טונקל און אומעטיג. די מחשבות האבן איר נישט צורו געלאזט. עפעס האט זיך אלגא געשפירט זייער אומרואיג. זי האט געוואוסט טיף אין איר הארץ אז זי טאר נישט גיין צום טיאטער, נישט אינדערוואכן און אוודאי נישט שבת, אפילו זי גיט נישט איבער דאס געלט. דאך אבער האט דער רייץ איר שטארק געצויגן, די נסיון איז געווען צו שטארק פאר איר דאס ביי־צושטיין.

ווי נאר אלגא איז אנגעקומען אהיים איז זי גלייך אריינגעפאלן אין בעט, פארמאטערט פון דער לאנגער נאכט.

אבער נישט לאנג האט אנגעהאלטן איר מנוחה.

אלגא זעט פלוצלונג א שרעקעדיגן חלום. זי זעט ווי זי גייט אויפ'ן גאס אליין, און פלוצלונג פון דער לופט שפראצט ארויס א מחנה גלחים און זיי הייבן אן לויפן נאך איר. זיי לויפן און שרייען און פראבירן איר צו כאפן, אבער אלגא פרובירט צו אנטלויפן פון זייערע אויסגעשטרעקטע הענט.

אין איר חלום זעט זי ווי זי לויפט און לויפט און זי ציטערט פאר שרעק. די גלחים לויפן נאך איר מיט א ווילדן געלעכטער און רעדן צווישן זיך אז אט אט כאפן זיי איר אריין אין זייער נעץ.

אזוי סאפעט זי, בשעת זי לויפט און די גלחים לויפן איר נאך. אירע כוחות ווערן וועניגער און וועניגער און די גלחים ווערן נענטער און נענטער און אלגא שרייט פון פאניק אין איר חלום.

פלוצלונג דערזעט זי א בנין. אלגא לויפט אהין כדי זיך צו ראטעווען פון די שרעקעדיגע גלחים, אבער ווי נאר זי וויל אריינגיין אין דעם בנין, שפירט זי ווי די גלחים האבן איר געכאפט. אין חלום גיט אלגא א קוק אויף דעם בנין און זי זעט אז דאס איז דער טעאטער בנין ביי וועלכע זי האט נארוואס פארבראכט.

ערגעץ פון דערווייטנס אין איר חלום האט זי געזען ווי די באבע אסתר שטייט און קוקט אויף איר.

אלגא האט זיך אויפגעוועקט באגאסן מיט א נאסע שווייס. זי האט זיך ארומגעקוקט. איז דאס ריכטיג אדער א חלום? עס האט אויסגעזען אזוי שרעקעדיג, אזוי עכט!

"ניין," האט אלגא באשלאסן, "דאס איז נישט געווען א פשוט'ער חלום." די באבע אסתר האט זיך מטריח געווען פון יענער וועלט צו מדריך זיין איר אייניקל. אלגא האט פארשטאנען דעם לימוד.

מער איז זי אין טעאטער נישט געגאנגען.

יארן שפעטער פלעגט זי זאגן פאר אירע אייניקלעך אז דער אייבערשטער האט געמאכט מיט איר א נס און איר געוויזן בחוש אז די גוי'שע פלעצער זענען די טומאה אליינס, נישט קיין חילוק אויף וועלכן אופן מען וויל עס כשר מאכן. זי האט פארשטאנען פון איר חלום אז אויב זי וועט ווייטער גיין צום טעאטער וועלן איר די גלחים, די טמאה דארט כאפן.

...

דאס לעבן אינדערהיים איז געווארן שווערער און שווערער. די עלטערן פון אלגא האבן געזען אז אלגא מיינט עס ערנסט און זי נעמט זיך אונטער מער און מער פרומערע קבלות. עס האט זיי בכלל נישט געשמעקט און זיי האבן זיך שטארק אנטקעגנגעשטעלט.

אלגא האט פרובירט דאס מערסטע וואס שייך צו רעדן שיין און זיך בעטן, אבער ווי מער איר נשמה האט געצויגן, אלץ שווערער זענען די נסיונות געווארן. ליידער האבן אירע אייגענע עלטערן איר נישט מחזק געווען, פארקערט, זיי האבן איר נאר פארשווערט דעם וועג.

נאך א יאר האט אלגא געזען אז די איינציגסטע וועג וויאזוי זי וועט קענען פירן אן ערליך לעבן וועט זיין אויב זי גייט אוועק פונדערהיים.

**אלגא האט נישט געוואוסט וואוהין זי צילט אירע טריט. זי האט געוואוסט אז ערגעץ וואו איז פארהאן א דערפל אין מאנטעווידעא וואס דארט איז דא א אידישע שטיבל (בית המדרש).**

דאס איז געווען זייער א שווערע באשלוס פאר איר. אלגא איז געווען א בת יחידה פון רייכע עלטערן. זי איז נישט געווען געוואוינט זיך צו מוטשען. איר גאנץ לעבן האט זי באקומען אלץ אויף א גאלדענע טאץ.

אבער אלגא האט אויסגעוועלט לעבן. זי האט געוואוסט אז רייכקייט און כבוד געבן גארנישט פאר א מענטש. נאר די תורה געבט אונז לעבן.

אלגא האט אויסגעטוישט א רייכע גשמיות'דיגע לעבן פאר א גייסטרייכע אמת'ע לעבן.

איין נאכט, גאר שפעט, ווען יעדער איז שוין געשלאפן, האט אלגא צוזאמגעפאקט אירע וויכטיגסטע חפצים, אביסל קליידער, איר אייגן געלט און אביסל עסן, און זיך שטילערהייט ארויסגעשלייכט פון שטוב.

זי האט איבערגעלאזט א בריוו פאר טאטע, מאמע און זיי הארציג באדאנקט פאר אלעם וואס זיי האבן איר געגעבן. זי האט זיי געשריבן אז זי איז ארויס זוכן איר מסורה.

און אזוי מיט אירע קליידער אויפ'ן רוקן און גארנישט מער, איז אלגא ארויס זוכן איר באשעפער.

עס איז געווען א שרעקליכע נאכט. אלגא האט נישט געוואוסט וואוהין זי צילט אירע טריט. זי האט געוואוסט אז ערגעץ וואו איז פארהאן א דערפל אין מאנטעווידעא וואס דארט איז דא א אידישע שטיבל (בית המדרש). זי האט נישט געוואוסט וואס און ווען און וויאזוי מען קומט אן אהין, אבער זי האט געוואוסט וואוהין זי וויל גיין, צום וועג פון די תורה.

אלגא האט געקלעטערט א גאנצע נאכט, איינזאם און אליין. דער חלום פון די באבע אסתר האט איר געטריבן צו גיין ווייטער און ווייטער און זוכן איר אמת'ע גלויבן.

אלגא האט געקענט ספאניש, ממילא ווי נאר עס איז געווארן טאג האט זי אנגעהויבן פרעגן וואס איז דער וועג אנצוקומען צו איר ציל.

זי האט זיך געשלעפט מיט באסעס און טעקסיס און אסאך געגאנגען מיט די פיס ביז זי איז ענדליך שפעט נאכמיטאג אנגעקומען צו איר ציל.

זי איז אנגעקומען צו א קליין דערפל. זי האט נישט געוואוסט וואס זי זוכט, זי האט אבער געוואוסט אז זי וויל זיין ערליך.

דארט אינעם דערפל האט אן אלטע אידישע פרוי רחמנות געהאט אויף די איינזאמע מיידל און איר אריינגענומען צו זיך אין שטוב.

אלגא האט דארט פארברענגט עטליכע טעג און זי האט פרובירט ארויסצוהעלפן די פרוי מיט איר גארטן, כדי זי זאל נישט שפירן ווי אן אנגעלייגטע גאסט.

אין אנהייב האט אלגא נישט געוואלט דערציילן ווער זי איז און פון וואו זי קומט. זי האט נישט געטרויט די פרוי.

נאך א פאר טעג האט אלגא שוין געשפירט באקוועם און זי האט דערציילט איר גאנצע געשיכטע פאר דער אלטער אידענע.

ווען די פרוי האט געהערט אלגא'ס געשיכטע, האט זי גלייך געטראכט פון א בחור מיט'ן נאמען יוסף וואס האט אויף שפילערס.

א פאר בחורים פון דארף האבן געשפילט אויף כלי זמר. די סעודה איז געווען היימיש געקאכט. עס זענען געווען דארט אפשר צוואנציג מענטשן, אבער די שמחה איז געווען זייער רייך. רייך אין גייסט, מיט שמחה, מיט התרגשות. אלע מלאכים האבן מיטגעטאנצט.

די עשירות אין זאל האט מען נישט געקענט אפשאצן. וואס איז טייערער ווי

**אין אנהייב האט אלגא נישט געוואלט דערציילן ווער זי איז און פון וואו זי קומט. זי האט נישט געטרויט די פרוי.**

זייער אסאך מסירת נפש פאר אידישקייט, און געקלערט אז אפשר וועט דאס זיין א פאסיגער שידוך.

אלגא האט זיך נאך אויפגעהאלטן א פאר וואכן ביי די פרוי אינדערהיים און געווארט ביז מען האט אנגעטראגן דעם שידוך.

עס האט נישט לאנג גענומען און מען האט צוזאמענגעפארט יוסף מיט אלגא. מזל טוב!

...

עס איז נישט געווען קיין רעש, עס איז נישט געווען קיין טומל, אבער א טרוקן אויג איז אויך נישט געווען אין זאל.

אין דעם קליינעם שול האט מען אפגעראכטן א חתונה אן טאטע און מאמע פוןביידע זייטן. ביידע האבן געהאט א געמיינזאמען ציל, אויפצושטעלן אן ערליכע שטוב על דרך ישראל סבא.

אלגא האט נישט געהאט קיין טייערע קלייד ביי איר חתונה. זי האט געהאט א פשוט'ע חופה קלייד וואס א אידענע אין דארף האט איר צוגעשטעלט.

עס זענען נישט געווען קיין טייערע בלומען און נישט קיין געלערנטע אידישע קינדער וואס ווילן און לעכצן צו פירן א ערליכע שטוב? וואספארא גאלד און געלט קען זיך פארמעסטן צו אזא רייכקייט?

אלגא האט אויפגעגעבן א רייכע לעבן, יוסף האט איבערגעלאזט זיין ווארימע משפחה און זיין היים. אצינד זענען זיי אבער געווארן פיל רייכער. זיי האבן דערגרייכט א פארמעגן וואס קיינער קען זיי נישט צונעמען, א לעבן פון תורה און מצוות.

אלגא האט אויפגעגעבן א רייכע לעבנסשטייגער. יוסף האט זיך נישט געריסן פון זיין מסורה.

ביידע האבן יעצט געשטעלט די גרונד פרינציפן פון א נייע הויז אויף אלטע יסודות.

יוסף און אלגא האבן זיך איינגעלעבט גליקלעך און פרייליך. זיי האבן געטראפן א באשיידענע דירה וואס זיי האבן אנגעפילט בעיקר מיט שמחה און מיטן דאנקען דעם באשעפער פאר זיינע חסדים

*פארזעצונג קומט אי"ה*



ג. פעקעטע

# מיין שכן אין קימפעטארן היים

לעצטנס הערט מען זייער אסאך וועגן די "אינער טשיילד". זעט אויס אז ס'האט מיך געכאפט און איך האב זיך געוואנדן צו די קינדערהיים אפטיילונג פון די בלעטל.

דארט האב איך זייער הנאה געהאט צו ליינען א הערליכע באשרייבונג לכבוד די יארצייט פון מוהרא"ש, זייער שיינע נקודות וואס מיר קענען ארויסנעמען פון מוהרא"ש'ס לעבן, מעשה'לעך וואס כאפן די הערצער פון קינדער ווי אויכעט פון די "אינער טשיילד" פון ערוואקסענע, און געבן א שטופ נאכצומאכן מוהרא"ש'ס וועגן.

האב איך געליינט דארט איין מעשה וועגן די לעכטיגקייט וואס מוהרא"ש האט זוכה געווען צו שפירן ביים דינען דעם אייבערשטן אין די אנהייב פון זיין התקרבות. ס'איז געגאנגען אזוי ווייט אז ער האט געזען נאר אייבערשטער אין די גאנצע וועלט, און ער האט אנגעהויבן קוקן מיט נישט ריכטיגע בליקן אויף די מענטשן ארום אים. "וויאזוי קען זיין א מענטש זאל זיין ארייגעטון אין גשמיות, גיין איינקויפן, ערלעדיגן, מאכן און טון, ווען די וועלט איז דאך אנגעפילט מיט אייבערשטער?" ביז מוהרא"ש איז געקומען צו די אנערקענונג אז ס'איז נישט גוט צו קוקן שלעכט אויף א צווייטער איד, און ער האט געבעטן דעם אייבערשטן זאל אוועקנעמען די ליכטיגקייט וואס ער שפירט, און זעט נאר אלוקות,

אייבערשטער, וואו ער קוקט, און ער זאל נישט קוקן שלעכט אויף מענטשן.

און אזוי האט טאקע פאסירט.

די נעקסטע מאל האב איך געליינט אין די קינדערהיים א מעשה פון א צדיק, רבי ישראל סאלאנטער, לכבוד זיין יארצייט, האב איך געזען אן ענליכע סיפור. ס'איז געשטאנען דארט אז ער האט געזאגט אז א מענטש האט צוויי אויגן: איין אויג צו קוקן אויף יענעם גוט, און א צווייטע אויג אריינצוקוקן אין זיך און זען וואס איך קען פאררעכטן. אבער ס'שטעלט זיך אויס, רוב מענטשן נוצן זייערע צוויי אויגן פונקט פארקערט: איין אויג נוצט מען צו קוקן אויף זיך, "איך בין גוט, איך בין מסודר, איך בין פיין", און די צווייטע אויג נוצט מען צו קוקן אויף יענעם און זען וואס יענער איז נישט גוט און וואס יענער דארף פאררעכטן.

האב איך זיך דערמאנט אין די מעשה.

איך בין געווען אן אויסגעמוטשעטע קימפעטארין, מיד, אומעטיג, און גוט-גוט אפגעשוואכט. איך בין אוועקגעפארן זיך אפרוען אין קימפעטארין-היים. דארט האב איך געהאט א שטוב וואס איז געווען פאר צוויי פרויען, מיר האבן גענוצט איין באדע צימער.

ביים ערשטן טאג אנקומען, האב איך זיך פראבירט אויסצופאקן אביסל און מסדר זיין, און אריינגעגאנגען אין די באדע צימער זיך צו מסדר זיין. איך האב געזען א שווארצע בגד אויף דער ערד, און איך טראכט צו זיך אז ס'איז אמת'דיג נישט גערעכט אז איך צאל אזויפיל געלט זיך קומען אויסרוען, איך דארף אביסל מנוחת הנפש, איך וויל אביסל שטילקייט, און אז יענער זאל זויבערן פאר מיר. איך בין דאך אוועקגעפארן פון שטוב אז איך זאל נישט דארפן צאמנעמען, פארוואס דארף איך דא זען איינעמ'ס קלייד אויף דער ערד? ס'האט מיך ממש געשטערט, אבער איך האב געטראכט צו זיך, מסתם די פרוי מיט וועמען איך בין צוזאמען אין די שטוב האט עס בטעות איבערגעלאזט, און די נעקסטע מאל וועט זי עס זיכער אוועקנעמען פון דא.

איך האב געשוויגן און געשלינגען און ווייטער געגאנגען עסן די פיינע נארהאפטיגע מאלצייט וואס מען שטעלט צו פאר די קימפעטארינס, טאקע פאר דעם זיי זאלן זיך צוריקכאפן די כוחות און צוריקבאקומען די געזונט און די מוח דורך גוט עסן און שלאפן.

די נעקסטע מאל איך בין דארט אריין, זע איך ווידעראמאל די שווארצע זאק, א שפיז אין מיין אויג. דאסמאל איז עס נישט געלעגן אויף דער ערד, נאר אויף די קאונטער פון די סינק. ס'האט זיך אנגעהויבן ווירבלען אין מיר א שטיקל כעס. 'זי האט שוין יא געזען איר זאך, זי האט עס אפילו אויפגעהויבן פון דער ערד און געלייגט אויף די קאונטער. פארוואס האט מיין רוממעיט נישט געקענט ארויסטראגן אירע זאכן? פארוואס דארף עס דא בלייבן ליגן פאר די אויגן?' אבער דאך האב איך פראבירט זיך איינצוהאלטן און איר נישט זאגן קיין ווארט, זי איז דאך אויך א יולדת, איך מעג איר פארשטיין אביסל.

אזוי איז אריבער די נעקסטע פאר טאג, עטליכע מאל אין טאג וואס איך האב ווידער געדארפט זיך אנטרעפן מיט דעם שווארצן בער.

יעדע מאל איך בין אריין דארט האט עס אויסגעקוקט גרעסער, שטרענגער, און מער פארדעכטיגט. ווי קען זיין אזא שלימזל, טראכט איך צו זיך איינמאל און נאכאמאל, פארוואס איז זי אזוי שלעכט? זי האט נישט קיין הארץ, זי האט נישט קיין שום געפיל, זי קען זיך נישט רעכענען מיט א צווייטע פרוי. ווער לאזט איבער זייער שמוציגע וועש אויף די ערד? און אויב האסטו עס בטעות איבערגעלאזט, טענה איך צו איר אין מיין מוח, דאן פארוואס טראגסטו עס נישט ארויס דאס די נעקסטע מאל וואס דו באגעגנסט זיך דערמיט? פארוואס לאזטו יעדן טאג נאכאמאל און נאכאמאל דיין שמוציגע וועש דא פאר יענעם זיך צו פארעקלען? איך האב עס באמת נישט געקענט פארשטיין.

ס'איז מיר ארויף און מוח, ס'איז מיר זייער שווער געווארן, און איך האב זיך קוים קוים געקענט איינהאלטן פון זאגן א ווארט.

איך האב עטליכע מאל געטראכט אז איך וועל איר יא זאגן, 'ס'איז נישט גערעכט אז דו לאזט דיינע זאכן ארומליגן, איך בין זיך געקומען אפרוען, איך וויל נישט זען דיין וועש, איך וויל נישט רוימען דיין שמוץ. נעם דיין זאך און פאק עס אוועק. איך פארשטיי אפשר אז דו פלאנסט עס נישט צו נוצן, אבער פארוואס דארף איך דאס זען יעדע מאל איך קום אריין?' ס'איז מיר געווען שווארץ פאר די אויגן.

איך האב אמת'דיג געשפירט ווי די גאנצע טעם פון קומען אין די קימפעט גייט מיר ארויס. איך האב געשפירט נמאס.

איין טאג, די לעצטע טאג וואס איך בין געווען אין איין צימער מיט די פרוי, זיצן מיר ביי מיטאג און מ'כאפט אריין אביסל די איבריגע פאר מינוטן.

אזוי זיצענדיג האב איך זיך געזעגנט פון די פרוי וואס איז שוין אט אט אהיימגעפארן פון אונזער שטוב וואס מיר האבן צוזאמען געשעירט. איך האב זיך געפרייט אז איך האב געהאלטן מיין מויל די גאנצע צייט און קוים ארויסגעקוקט אויף נאכטמאל צייט ווען איך וועל קענען אריינגיין אין דעם באדע צימער אן דארפן זען די שווארצע שטער פאר מיין אויגן. זיכער ביים אהיימגיין וועט זי זיך איינפאקן אירע זאכן און גיין לחיים ולשלום.

צו מיין גרויסע איבערראשונג האט זיך גארנישט געטוישט. די פרוי איז אהיימגעגאנגען און איבערגעלאזט א שיינע צאמגענומענע בעט, שאפע, און אלע אירע זאכן זענען פארפאקט געווארן הערליך אין ארדענונג, אבער די שווארצע בגד, דאס איז געבליבן.

איך האב זיך שוין נישט געקענט איינהאלטן און זיך אנגערופן צו א צווייטע פרוי, "איך קען באמת נישט פארשטיין, זייט איך בין אנגעקומען ליגט דא א שווארצע זאק וואס שטייט מיר פאר די אויגן. איך האב נישט געוואלט זאגן פאר די צווייטע פרוי פון מיין שטוב, ווייל מן הסתם איז זי אויסגעמוטשעט, איך האב איר נישט געוואלט ווי טון, אבער יעצט איז זי שוין אהיימגעגאנגען, און ס'ליגט ווייטער די שווארצע זאק, פארוואס האט זי זיך נישט געקענט צוזאמנעמען און עס איינפאקן?"

דאס איז כאטש וואס ס'איז געווען קלינינג סערוויס אפאר מאל א טאג וואס איז געקומען רייניגן, אבער זיי קענען נישט אוועקווארפן איינעמ'ס א זאך, זיי האבן עס נאר ארומגערוקט אהין און אהער.

"איך גלייב נישט וואס איך הער!" שרייט זי אויס, "איך האב געהאט א חבר'טע וואס איז דא געווען לעצטע וואך, און זי איז אהיימגעפארן די טאג וואס דו האסט איבערגענומען איר בעט. זי האט מיר אפאר מאל גערופן פרעגן אויב איינער האט געטראפן א שווארצע בגד וואס זי האט בטעות איבערגעלאזט דארט די לעצטע טאג. איך בין געגאנגען צו די השבת אבידה קעסטל, אבער נישט געפונען וואס זי האט מיר מסביר געווען. קוקט אויס, ס'איז געבליבן זיצן דארט אין דעם שטוב, בטעות האבן די רומערקעס געמיינט אז ס'באלאנגט פאר די נייע גאסט, און אזוי זיצט עס דארט א וואך צייט."

ס'פעלט נישט אויס צוצולייגן.

איך האב געדאנקט דעם אייבערשטן אז איך האב קיין ווארט נישט געזאגט פאר די צווייטע פרוי. ווען איך קום ווען גלייך און איך פרעג איר שיינערהייט איז איין מעשה, אבער נאך א וואך אנזאמלען טענות און העיט, פיינטשאפט, ווי אזוי וואלטן מיינע ווערטער אויסגעקוקט אז איך זאג איר ווי א שלימזל און שלעכטערקייט זי איז, אז זי קען זיך נישט צוזאמנעמען און אוועקפאקן אירע וועש?

איך האב זיך געלערנט א טיפע לימוד. נישט אלעס וואס דו זעסט ביי יענעם איז יענעם'ס שולד. אזוי ווי מיין מאמע זאגט אלץ, ווען דו פוינטסט א פינגער אויף יענעם, קומט אויס אז ס'איז דא דריי פינגערס וואס פוינטן צוריק אויף דיר.

אז דו זעסט א שולד אין יענעם, איז דאך זיכער אז דו האסט עפעס פון דעם וואס דו ביסט דריי מאל אזויפיל מער שולדיג ווי יענעם.

דער הייליגער רבי האט געזאגט א מעשה פון א בן מלך וואס האט צאמגעשטעלט א שיינע טשענדעליר, פון אלע מיני קינסטלעריי און חכמות אין די וועלט, צאמגעבויט אין די איין טשילאר. אבער ווי אנטוישט איז ער געווען אז יעדער וואס האט געקוקט דעריין האט נאר געזען שאנדע און פראבלעמען.

דער רבי פירט אויס, אז אזוי איז עס, יענער זעט נאר זיינע אייגענע חסרונות ביי אנדערע, און דערפאר קלאפט ער אראפ א צווייטן, ווען באמת איז די זאך נישט קיין פראבלעם, נאר פארקערט, עס איז גאר שיין. אבער אז מ'זוכט ביי יענעם א חסרון, קומט ארויס די ערגסטע אין זיך.

"באשעפער העלף, איך זאל האבן הייליגע אויגן, ריינע אויגן, גוטע אויגן, היילונג אויגן, אויגן וואס קוקן גוט, אויגן וואס זעען גוט אין א צווייטן, און איך זאל קענען טון ווי די צדיקים, נאר זען גוט אין א צווייטע איד, זען ווי מ'קען דן זיין לכף זכות א צווייטן, אוודאי די מאן און קינדער ערשט, עלטערן געשוויסטער און שכנים, און אזוי אויך א יעדער איד."

מיט תפילה איז מען זוכה צו לעבן א זיסע לעבן, א גוטע לעבן, און איבערלאזן אלע טענות פאר אנדערע.

# די צייט אנטלויפט

ר. ל. ווייס

"אלטע באבע, וואס טוסטו ניין אזייגער?"
"נייין אזייגער טרינק איך טיי, און דערנאך דאווען איך, זאג תהילים און תפילות, און אזוי ווייטער"...

ווער קען דען נישט די געים?!... אבער ערנסט גערעדט - וואס טו איך??? גארנישט!
גארנישט?!
נע, אפשר אן האלבעווארט צום באשעפער... נישט דאווענען, נישט תהילים... דו ווייסט וויאזוי א מאמע'ס טאג לויפט דורך:
וואו זאל איך אנהייבן, צופרי אדער ביינאכט? עקזיסטירט בכלל ביי א אידישע מאמע א נעכטן, א מארגן, אדער א היינט? עס איז אלעס איין לאנגע געלויפאכטס.

10:00 AM: א גוט מארגן?!?
וואס איז די ערשטע זאך?
קלינען, און א ברכה איך מאך.

11:30 AM: למעשה, קעיר גענומען פון די בעיבי'
יעצט א maybe nap
קודם איך וועל,
מאכן א לאוד שנעל.

12:00 PM: ב"ה געשלאפן 15 מינוט,
יעצט די בעיבי מאכן גוט.

1:00 PM: באשעפער, אינגאנצן פארגעסן,
נאכנישט געהעריג געגעסן.
ס'איז דא 2 שעה קעש,
עסן, רוימען, סאפער, און וועש.

3:00 PM: באשעפער העלף מיר,
איך קען נישט אן דיר!

מען טוט שוין אהיימקומען,
וויאזוי האלט מען פארנומען?

3:30 PM: איך בין אינגאנצן דא,
אז נישט ווערט א זו.

4:30 PM: פון די קליינע צו די גרויסע,
נאכאמאל פון די קליינע צו די גרויסע...

5:00 PM: מיד מען ווערט,
זאכן ווערן איבערגעקערט.

6:00 PM: פון זעקס ביז אכט,
פראבירט מען צו מאכן נאכט.
מענעדשן די קאך מאכן לייטיש,
פארן מאן עסן צום טיש.

8:30 PM: רואיגער טוט שוין זיין,
וואס מאך איך ערשט ריין?

9:00 PM: וואס איז מיט כיבוד אב ואם?
א רוף צו מיין מאמע'ס היים.

10:00 PM: וואס איז די שמחה היינט?!
אזויפיל די בעיבי וויינט.

11:00 PM: ענדליך אין בעט אריינגעפאקט,
יעצט פילט מען צוקלאפט...
עפעס געטון היינט, וואס???
געשריגן, פארוואס טו איך דאס?
צופיל געזאגט ניין?
גערעדט צום מאן שיין?



עכט גוט איך וויל זיין?
אינמיטן, שלאפן מען איין...

4:00 AM: די בעיבי מאכט פורים,
אפשר יעצט הערן שיעורים?
ביי, ער שלאפט!

5:30 AM: מאאאמי, איך האב מורא,
שששששש זיי אביסל שטיל!
שלאפן נאך איך וויל...

6:30 AM: מיין בעט זאגט מיר ביי,
צו די קינדער גיי.

7:30 AM: איבערטון, געבן עסן, און אנטון,
וואו טו איך זיך אהין?

9:00 AM: שנעל מאך זיך גרייט,
צום באס זיין אין צייט!

9:25 AM: באשעפער, וואס טו איך?
וואו איז זיין שיך?

10:00 AM: וואס?!? אזוי שנעל איז נאכאמאל צענע צופרי?

איך האב נישט קיין כח...
באשעפער העלף מיר געדענקען אז "יא" דאס איז טייער אויבן!
און ווען איך וועל זיין א באבע וועל איך זיצן מיט מיין גרויסע תהלים אויסגעצויגן!

# הער א מעשה

רופט אריין מיט אייער מעשה צו 845-662-4083 אדער שיקט צו Inderheim@bletelmagazine.com

## א פרוי פון
### ניו יארק

שכח אייבערשטער נאך אסאך תפילה בין איך שוין אויפן פליגער, מ'איז גרייט זיך צו הייבן אין די לופט צו פארן קיין ארץ ישראל. צו מוהרא"ש'ס ציון. צווישן אסאך תפילות וואס איך האב אויסגעשמועסט מיטן אייבערשטן האב איך אויך געבעטן דעם אויבערשטן אז די זיצן זאל זיין אויסגעשטעלט באקוועם. מיין מאן האט באשטעלט א זיץ ביי די פענסטער און איך ביי די אייל. איך האב אויך מיטגענומען מיין בעבי. איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז די זיץ צווישן אונז זאל זיין ליידיג.

נאך אין לופטפעלד האב איך געזען ווי עס שטראמען מענטשן צו אונזער געיט. זעהט אויס א געפאקטע פליגער, אבער איך דערשרעק זיך נישט און בעט ווייטער דעם אייבערשטן.

יעצט ווען איך איך זיץ שוין האב איך אראפגעזעצט מיין בעבי אזוי שיין צווישן מיין מאן און מיר. ס'שטראמען מענטשן, די זיצן פילט זיך אן שנעל. א גאנצן צייט זע איך ווי מענטשן שטעלן זיך אפ ליינען די נומבער און איך מיין שוין אז יעצט וועל איך דארפן נעמען מיין בעבי אויף מיין שויס. אבער ניין אלע זיצן האבן זיך אנגעפולט און מיין בעבי איז שיין געזיצן אויף דעם פלאץ א גאנצן וועג.

## א פרוי פון
### קרית ברסלב

ס'איז פרייטאג צונאכטס נאך די סעודה, יעדער איז שוין אין א טיפע שלאף, מ'רוהט זיך אויס פון א גאנצע וואך. מיין פיר יעריגע מיידל וועקט זיך אויף פלוצלינג און וויינט זייער שטארק. ס'איז נישט א געוועינליכע זאך ביי איר, זי איז שוין נישט די יארגאנג וואס וויינט אומזיסט נאכט. איך האב פרובירט איר צו מאכן באקוועם, געבן צו טרינקען, אבער גארנישט ווערט נישט בעסער. איך בין שוין געווארן אביסל באזארגט, אפשר איז עס עפעס ערנסט. איך האב קיינעם נישט געקענט רופן און מיין מאן האב איך געשווינט צו אויפוועקן.

מיין מיידל וויינט שוין א גאנצע שעה און איך בין שוין אויסגעמוטשעט איך קען שוין אויך באשטיין צו איינכאפן א פיינע שבת שלאף. איך פרעג איר "וואס קען איך טון צו מאכן בעסער?" ענטפערט זי מיט די גאנצע תמימות "מאמי, בעט דעם אייבערשטן." עס איז געווען אזוי זיס און אמת'דיג אז איך האב טאקע געכאפט אז ס'איז דא אן עצה וואס איז tried & true- פרובירט און ווירקזאם.

איך האב הויך געבעטן "אייבערשטער העלף שרה'לעס בָּאבָּא זאל זיך אינגאנצן אויסהיילן." זי קוקט אויף מיר מיט צוויי אויגעלעך וואס פארלאזן זיך אינגאנצן אויף די תפילות פון איר מאמע. למעשה האט זי נאך ווייטער געוויינט ביז זי איז ענדליך איינגעשלאפן.

איך האב געדאנקט דעם אייבערשטן אז די איבעריגע פון די נאכט זאל דורכגיין בשלום און זי זאל אויפשטיין אינגאנצן אויסגעהיילט. צופרי טרעף איך איר שטיין נעבן מיין בעט מיט אזא זיסע שמייכל "א מעשה פון תפילה, דער אייבערשטער האט אויסגעהיילט די גאנצע באבא.

# קינדער היים



**צווישן די קאטשקעס** יארצייט פון די וואך

**עבדו את ה׳ בשמחה׳לע**
היימיש

**משפחת וואוילטשיס**
דער מלמד דערציילט

# היימיש

א מעשה'לע פונדערהיים פארן קינדערהיים

## עבדו את ה' ב'שמחה'לע

פורים... שמחה... געזאנג און טענץ... דער עולם איז ליסטיג און פרייליך. אבער די שמחה קלעבט זיך נאכנישט אן אין מיר.

איך זיץ ביים פענסטער און באטראכט די פילפארביגע גאס אונטן. מענטשן לויפן, שמייכלען, שאקלען די קאפ און די הענט, און וואונטשן זיך ברכות מיט פרייליכע געמיטער. פאראיאר בין איך גלייך ווי אלעמען געווארן פארשלעפט אין די פורים אטמאספער, אבער נישט דאס יאר. דאס יאר ברעגט מיר דאס ווארט 'שמחה' ארויף גאר אנדערע געפילן. געפילן פון בושה, יאוש, שרעק און אנגסט. אלעס חוץ שמחה! שמחה דערמאנט מיר פון שמחה'לע, מיין ניי-געבוירן ברודער'ל. און ער ברענגט מיר נישט קיין שמחה. מיין טאטע זאגט אז יעדע קינד איז א שמחה און א מתנה, ספעציעל שמחה'לע, ווייל ער איז א הויכע נשמה. אבער איך זעה עס נישט.

שמחה'לע איז געבוירן געווארן צען טעג פאר פורים. ווען מיין טאטע האט גערופן מיט'ן מזל טוב זענען מיר געשפרינגען פון גרויס שמחה. מיר האבן געמאכט מזל טוב קארטלעך און פארציילט פאר די שכנים די גוטע נייעס... אלעס אזויווי נארמאל...אזוי האב איך געמיינט.

פארנאכטס האט מיר מיין טאטע פארציילט די נייעס אז מיין נייע ברודער'ל, וועלכע האט נאך דאן נישט געהאט קיין נאמען, איז אנדערש. "וואס מיינט אנדערש?" האב איך געפרעגט דערשראקן.

"אנדערש..." האט מיין טאטע איבערגעזאגט, "ער וועט זיך נישט אנטוויקלען ווי אנדערע קינדער און ער האט אויך פיזישע באגרעניצונגען." האט מיין טאטע מסביר געווען.

ווען איך בין אנגעקומען אין שפיטאל האב איך געזען מיין נייע ברודער'ל. ער האט אויסגעזען אנדערש. איך האב געזען אויף אים אז ער איז נישט ווי אלע. איך האב אזוי מורא געהאט אים צו האלטן, אפילו קישן איז דעריבער האב איך געשמייכלט א געצווינגענע שמייכל און געוואונטשן מיין מאמע מזל טוב. איך בין אהיים מיט מיין טאטע און איך בין שטיל געווען די גאנצע וועג. יענע נאכט בין איך ווייניג געשלאפן און זיך אסאך געזארגט. שטילערהייט אין בעט האב איך געוויינט צום אייבערשטן אויף די נייע צרה וואס האט מיר דא באטראפן, איך האב געזאגט פארן אייבערשטן אז איך שעם זיך מיט מיין נייע ברודער. איך האב דאן באשלאסן ביי מיר אז איך וועל נישט פארציילן פאר מיינע חבר'טעס אז עפעס פעלט פון מיין ברידער. איך האב זיך פשוט געשעמט.

ווען מיין ברודער האט געהאט זיין ברית האט מען אים א נאמען געגעבן שמחה'לע. מיין טאטע האט מיר דאן געזאגט אז זיין נאמען איז זייער פאסיג ווייל ער וועט אריינברענגען אסאך שמחה אין אונזער הויז. איך האב געטראכט צו מיר אז דאס איז א פורים וויץ, ווייל וויאזוי וועט שמחה'לע אריינברענגען שמחה? איך וואלט געטראכט



**איך טראכט פון גיטי און אסתי. וואס וועלן זיי זאגן ווען איך וועל ארויסגיין מיט אים אין גאס? יעדער וועט קוקן אויף מיר מיט רחמנות'דיגע בליקן און דאס איז די לעצטע זאך וואס איך וויל אצינד.**

אז מנחם-טרייסט וואלט מער געפאסט פאר אים...

מיין מאמע איז געפארן צו אן אפרו ארט גלייך נאכ'ן ברית אזוי אז איבער פורים איז זי נישט געווען אינדערהיים. די קליינווארג זענען צעטיילט געווארן און איך מיט מיינע גרויסע ברידער זענען געבליבן אינדערהיים אויף פורים. און אצינד זיץ איך זיךביים פענסטער און באטראכט דעם פורים געפילדער, אבער עס קלעבט זיך נישט אן אין מיר.

איך טראכט פון גיטי און אסתי. וואס וועלן זיי זאגן ווען איך וועל ארויסגיין מיט אים אין גאס? יעדער וועט קוקן אויף מיר מיט רחמנות'דיגע בליקן און דאס איז די לעצטע זאך וואס איך וויל אצינד. איך ווייס אז עס איז נאריש און נישט ריכטיג צו טראכטן פון מענטשן, ווייל אזוי לערנט אונז דער ראש ישיבה אויס, אבער דאך האט זיך מיין יצר הרע מתגבר געווען.

איך האב מיך געטראפן בעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר ווייזן דעם וועג אז אזא ברודער קען זיין פאר מיר א גוטע זאך, אפילו איך פארשטיי דאס נישט.

א טרערעלע גליטשט זיך ארויס פון מיינע אויגן. איך פארוויש עס שנעל איידער מיין טאטע וועט עס באמערקן. איך האב באמערקט אז עס טוט אים וויי מיין גאנצע צוגאנג צו די זאך. אבער וואס קען איך טון? איך ווייס אז אלעס איז פונעם אייבערשטן און אז ער האט אויסדערוועלט אונזער משפחה צו האבן אזא הייליגע נשמה, אבער דאך... אבער דאך... די בושה פון מיינע חבר'טעס וועגן עטוואס איבער. מיין ברודער יעקב בער איז אביסל עלטער פון מיר און ער פארשטייט מיר נישט. "מען קען מיינען אז עס איז א טראגעדיע. אויב עפעס... דארפסטו טראכטן פון מאמי, ווייל א ספעציעל קינד פארלאנגט טעראפי און אסאך הילף," האט ער מיר איין נאכט געמוסר'ט. "דיינע חבר'טעס? וואו קומען זיי אריין אינעם בילד דא?" האט ער נישט פארשטאנען. ער איז גערעכט, מיין ברודער, אבער יונגלעך זענען אנדערש און זיי פארשטייען נישט די סארט געפילן. צו מיין מאמע האב איך נישט געוואלט רעדן דערפון, איך האב פארשטאנען ווי אומפאסיג דאס איז.

איז מיר געבליבן צו זיצן אליינס און אריינקלערן אין מיין מצב. מיינע מחשבות זענען צוריקגעגאנגען צו מיינע חבר'טעס. מיין פאנטאזיע האט שנעל און פיבערהאפטיג געארבעט. איך האב שוין געזען און געהערט א גאנצע שמועס צווישן אסתי און גיטי. איך האב שוין געזען זייערע בליקן און זייערע נעבעך'ס. איך האב זיך שוין געזען שטופן א רעדער-בענקל מיט שמחה'לע אינעווייניג.

איך האב פארשטאפט מיינע אויערן און פארמאכט מיינע אויגן. עס איז געווען צופיל פאר מיר. איך האב מער נישט געוואלט טראכטן דערפון. אבער מיינע מחשבות האבן מיר נישט געפרעגט קיין רשות און צוריקגעוואנדערט צו די זעלבע טעמע. מיינע מחשבות האבן גערוישט. א מינוט האב איך געטראכט, "שעמען דארף מען זיך נאר אז מען טוט עבירות," און אפילו געקענט ארויפקלעבן א שמייכל פאר אפאר סעקונדעס. אבער א מינוט דערויף זענען די שלעכטע מחשבות ווידער אריינגעפלויגן

# היימיש

און מיר אזוי איבערגעוועלטיגט.

איך האב זיך געזארגט אז מיין שטאנד אין קלאס וועט שנעל פאלן און איך וועל בלייבן אן חבר'טעס. אלעס צוליב שמחה'לע. "פארוואס?" האב איך הויך געפרעגט צו זיך אליינס.

"פארוואס וואס?" האט יעקב בער געפרעגט, "איך האב דיר פשוט געזאגט אז איינער איז ביי די טיר פאר דיר. זי האט געברענגט משלוח מנות." האט ער זיך עטוואס גערעגט. "דו ביסט אזוי פארטראכט אין זינלאזע מחשבות אז דו הערסט נישט וואס מען רעדט צו דיר." האט ער מיר געזאגט מיט פאראיבל.

איך האב שווער אפגעאטעמט און צוגעגאנגען צום טיר. אין אמת'ן בין איך בכלל נישט געווען אין די גוסטע פון אויפנעמען מענטשן יעצט, אבער אויף אזויפיל האב איך נאך געדענקט די מענטשליכקייט כללים און איך האב ארויפגעצווינגען א שמייכל אויפ'ן געזיכט. איך האב אויסגעגליכן די פלייצע און שפאצירט צום טיר.

"אזוי זעסטו אויס פיל בעסער..." האט יעקב בער געשושקעט צו מיר. איך האב געגעבן א שמייכל צו אים. 'ברידער זענען נישט אלעמאל אזוי שלעכט,' האב איך געקלערט בשעת'ן עפענען די טיר.

"א פרייליכן פורים!" האב איך אויסגערופן איבעראשט, "שרה פריידי שטיינמעטץ... וואספארא כבוד האב איך היינט?!" האב איך באמת נישט פארשטאנען.

שרה פריידי שטיינמעטץ איז "די מיידל" פון אונזער קלאס. נישט אין א שלעכטע וועג ח"ו, פארקערט, זי איז אזוי גוטהארציג און צוגעלאזן, נאר אויך זייער זייער פאפולער. זי איז די מיידל וואס יעדער האט ליב צו פארברענגען מיט איר, אין קעמפ איז זי די שטערן, אפילו די העד-קאנסלערס האבן ליב געהאט צו פארברענגען מיט איר. זי האט א מאגנעט וואס ציעט מיידלעך צו זיך און פאר גוטע סיבות. אירע מדות זענען נאבעל און אירע נאטורן זענען גרינג און אנגענעם. איך פלעג צומאל מיטהאלטן א שמועס מיט איר, אבער איך בין נישט פון די קנאקערס, ממילא האב איך נישט געהאט צופיל איינגעלייגט מיט איר. דערפאר איז איר ערשיינונג געווען פאר מיר זייער איבעראשנד.




שרה פריידי האט געשמייכלט צו מיר. "מען מעג נישט קומען באזוכן א קלאס פריינדין און איר וואונטשן א ליסטיגן פורים?" האט זי וויצלדיג געפרעגט.

איך האב גוטהארציג געלאכט און איר געזאגט, "אוודאי...אוודאי! נאר אז דו זאגסט מיר וועגן ערב פורים פונעם באזוך, וואלט איך זיך אביסל צוגעגרייט דערויף...." האב איך געזאגט האלב ערנסט, האלב לאכעדיג.

"ניין, איך האב דירעקט נישט געזאגט. איך האב דאך געוואוסט וואו פארנומען דו ביסט. דיין מאמע האט דאך יעצט געהאט א קינד, די ברית, די שמחה. עס איז נישט אזוי פשוט!"

א וואלקן איז אריבערגעפלויגן אויף מיין געזיכט. 'אוי, פארוואס רעדט יעדער דערפון א גאנצן טאג? אומוואוסנדע מיידלעך... זיי ווייסן נישט ווען זיי טרעטן אויף יענעם'ס הינער אויג.' האב איך געקלערט מיט ביטערניש.

"הערסט?" האט שרה פריידי געפרעגט, און איך האב באמערקט אז איך הער נישט.

"אנטשולדיגט, איך האב זיך פארטראכט." האב איך פארשעמט געזאגט.

"איך האב געזאגט אז דערפאר בין איך דא."

"דערפאר וואס??" האב איך נישט פארשטאנען.

"דערפאר וואס דיין מאמע האט געהאט א קינד." האט שרה פריידי געזאגט.

"אה, א שיינעם דאנק. האסט מיר געוואלט אפגעבן א מזל טוב?" האב איך געצווינגען א שמייכל.

א
מעשה'לע
פונדערהיים
פארן
קינדערהיים

## "וואס ביסטו אזוי דערשראקן?" האט זי געפרעגט מיט א געלעכטער'ל. "בלומי איז מיין בעסטע שוועסטער. אמת בלומי?" האט זי געפרעגט און ארומגעכאפט איר שוועסטער'ל מיט אמת'ע ליבשאפט.

"יא, א גרויסע מזל טוב, ווייל .... ווייל... איין מינוט..." עפעס האט געפינקלט אין אירע אויגן.

"בלומעלע!" האט שרה פריידי אויסגערופן.

א קליינע מיקי מויז האט ארויסגעקוקט פון די וועגעלע אונטן. "קום ארויס." האט שרה פריידי באפוילן.

די קליינע בלומעלע איז ארויסגעקראכן און אנגעהויבן ארויפקריכן די טרעפ זייער צוביסלעך. איך האב איר באטראכט. "זי איז אזוי זיס." האב איך קאמענטירט. "ווי אלט איז זי?" האב איך געוואלט וויסן.

"זי איז פיר יאר אלט." האט שרה פריידי געזאגט.

איך האב געקוקט אויף איר אומגלויבליך. און דאן איז בלומעלע אנגעקומען אויבן. שרה פריידי האט איר איבערגעגעבן די משלוח מנות אז בלומעלע זאל מיר עס געבן. ווען בלומעלע האט מיר עס געגעבן האב איך באמערקט... איך האב געזען אז בלומעלע האט דאון סינדראם.

איך בין געבליבן שאקירט. שרה פריידי איז געשטאנען קעגן מיר און געשמייכלט. "וואס ביסטו אזוי דערשראקן?" האט זי געפרעגט מיט א געלעכטער'ל. "בלומי איז מיין בעסטע שוועסטער. אמת בלומי?" האט זי געפרעגט און ארומגעכאפט איר שוועסטער'ל מיט אמת'ע ליבשאפט.

בלומי האט איר צוריק ארומגעכאפט און איך בין געבליבן שטיין מיט טרערן אין די אויגן.

"פון וואו ווייסטו?" האב איך געשטאמלט.

"רוח הקודש..." האט זיך שרה פריידי געוויצלט. "איך בין דיר געקומען אנזאגן די גוטע בשורה אז דיין נייע ברודער איז די שענסטע משלוח מנות. אויב דו זעסט עס נאכנישט איין, וועסטו עס זען אינעם צוקונפט. און," האט זי צוגעלייגט נאך א מינוט, "ער וועט נישט נידערן דיינע סטאקס, נאר זיי הייבן. דו דארפסט זיך נישט זארגן וואס יעדער וועט טראכטן. נעם מיר אלץביישפיל." זי האט געווינקען מיט די אויג און מיר געוואונטשן א שמחת פורים און איז אראפ מיט בלומעלע אויף די הענט.

איך בין געבליבן שטיין ביים טיר מיט'ן משלוח מנות אין מיין האנט פאר א לאנגע צייט. איך ווייס נישט ווי לאנג. איך האב אסאך געטראכט. איך האב נישט גע'חלום'ט אז שרה פריידי איז אדורך דאס וואס איך גיי אדורך און עס האט איר נישט געשאדט. נישט נאר נישט געשאדט, נאר קוק ווי שטאלץ זי איז דערמיט.

איך בין אריין אין קאך און באטראכט די משלוח מנות. עס איז געווען אנגעפולט מיט אלע סארט שמייכלעך, מעקערס, בלייען, שפיצערס און סטיקערס. א שיינע קארטל איז געלעגן אינעווייניג. עס איז געשטאנען:

א שמחת פורים

עבדו את ה' ב'שמחה'לע!!

פון שרה פריידי

איך האב געשמייכלט. עס האט מיר געפאלן די אויסדרוק. "יא, באשעפער. עבדו את ה', איך וועל דיר דינען, מיט שמחה דורך שמחה'לע. לאז מיר עס נאר שפירן טאטע." האב איך געבעטן דעם אייבערשטן פון הארצן.

איך האב אויפגעהויבן די טעלעפאן און גערופן מיין מאמע וואונטשן א פרייליכן פורים. "וואס מאכט שמחה'לע?" האב איך געפרעגט מיט אמת'ע אינטערעס צום ערשטן מאל.

מיין מאמע האט אויסגעזען איבעראשט און אויך שטארק בשמחה. "ער איז ציקער זיס." האט זי געזאגט.

איך האב געדאנקט דעם אייבערשטן. עבדו את ה' בשמחה... "העלף מיר טאטע, די שמחה זאל נמשך ווערן אויף א גאנץ יאר אויך!"

# שרייב טישל

הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן צו זען א בילד פון **רבי אברהם מתיתיהו משטעפינעשט זי"ע**





בילד פון פארגאנגענע וואך: **ר' לוי יצחק בענדער ז"ל**

שיק אריין צום קינדערהיים ווי שיין דו האסט געקאלערט דעם פעידזש
און די שענסטע וועלן אריינגיין אין די קומענדיגע בלעטלעך אי״ה





געווינער פון פארגאנגענע וואך: **פייגי לאנדא**

# דער מלמד דערציילט



## משפחת וואוילטשיג

אונזער שכן וואוילטשיג וואוינט א שטאק אונטער אונז. ווען מיר האבן זיך אריינגעצויגן אין די דירה, האבן מיר זיך שנעל באפריינדעט מיט זיי. זיי האבן קינדער אין אונזער עלטער און דאס האט געמאכט אונזער פריינדשאפט בליען.

משפחת וואוילטשיג איז נישט קיין פארמעגליכע משפחה. זיי האבן שכל, זיי שפארן געלט. ביי זיי קויפט מען כמעט קיינמאל נישט קיין נייע טויס.

מיין טאטע איז אן איינציג קינד. דעריבער שיקט אונז מיין באבע, מיין טאטע'ס מאמע, כסדר נייע טויס.

פארשטייט זיך אז די קינדער פון משפחת וואוילטשיג האבן זייער ליב געהאט צו קומען צו אונזער הויז, ספעציעל ווען מיר האבן באקומען א נייע טוי.

צוויי יאר צוריק איז מיין באבע געקומען צו אונזער הויז איין וואך שבת. זי האט אונז געקויפט אסאך מתנות און פאר מיין קליינער שוועסטער האט זי געקויפט א זיסע דאלי.

מיין שוועסטער האט זייער געגליכן איר דאלי און האט זיך ארומגעדרייט א גאנצן טאג דערמיט. זי איז אפילו געשלאפן דערמיט.

בערך צוויי וואכן נאך וואס מיין באבע איז געווען ביי אונז איז די דאלי פארשוואונדן געווארן. מיר האבן געזוכט איבעראל, אין אלע ווינקלען, אבער די דאלי איז נישט געווען צום געפינען.

א וואך נאך דער מיסטעריעזער פארשוואונדעניש בין איך אראפ בארגן אייער פון משפחת וואוילטשיג. ווען זייער מיידל סאשי האט געעפנט די טיר, האב איך באמערקט אז איר קליינע שוועסטער עטי האלט, נישט מער און נישט ווייניגער, אונזער באליבטע פארלוירענע דאלי.

איך האב געקוקט מיט שאק און זיך נישט געגלייבט. איך האב פרובירט דן צו זיין לכף זכות מיינע שכנים. עס איז מיר אבער שווער געווען צו גלייבן אז פונקט יעצט האבן זיי באקומען א מתנה און פונקט די דאלי...

איך בין צוריק ארויף און באשלאסן נישט צו רעדן דערפון, צוליב לשון הרע. אין מיין קאפ האב איך געטראכט אז עס קען זיין א צופאל.

די קומענדיגע פאר וואכן האבן מאדנע זאכן אנגעהויבן פאסירן.

מיין ברודער זלמן'ס העמד איז נעלם געווארן און מיר האבן עס נישט געקענט געפונען. איין טאג איז זלמן אריינגעלאפן אין הויז און אויסגעשריגן, "מאמי, חיים וואוילטשיג גייט אנגעטון מיט מיין העמד."

דאס האט שוין געצויגן יעדנ'ס אינטערעס. דאן האב איך באשלאסן צו דערציילן פאר מיין מאמע די מיסטעריע פון דער דאלי. מיין מאמע האט אויסגעזען זייער שאקירט, אבער זי האט גארנישט געזאגט.

איך האב געזען אויף איר אז זי שוינט זיי און זי טראכט אז אויב זיי האבן עס חלילה גענומען צוליב דעם וואס זיי קענען זיך נישט ערלויבן אייגענע זאכן, וועט זי זיי גארנישט זאגן.

מיט דער צייט אבער איז דער נייער מנהג געווארן מער אפט. די וואוילטשיגע קינדער האבן זיך מחיה געווען מיט מיין ברודער'ס קליקס, בשעת מיין ברודער זוכט און באוויינט זיין אבידה.

מיין שוועסטער שרי'ס קראקס זענען געווען אויף בלימי וואוילטשיג'ס פיס און אפילו מיין מאמע'ס טיכל האבן מיר דערקענט אויף מרת וואוילטשיג.

מיט דער צייט האבן אנגעהויבן פעלן סנעקס, קליידער און איינמאל איז אונז אפילו נעלם געווארן א קישן.

איין טאג ווען איך בין אהיימגעקומען האב איך געזען א שלאס אין אונזער הויז. מיין מאמע האט גארנישט געזאגט, אבער איך האב פארשטאנען אז זי איז חושד אז איינער קומט אריין צו אונז ווען מיר זענען נישט אינדערהיים. זי האט ארויפגעלייגט שלעסער אויף די פענסטערס. זי האט אויסגעזען אביסל נערוועז. עס איז זייער א שרעקעדיגע געפיל ווען מען ווייסט אז מען וואוינט מיט גנבים.

איך האב אנגעהויבן ליידן פון פחדים ביינאכט און געהאט שווערע חלומות. פארשטייט זיך אז איך האב נישט געהאט מער צו טון מיט משפחת וואוילטשיג. איך האב זיי געגריסט אבער גארנישט מער.

די מיסטעריעזע מנהג איז ווייטער אנגעגאנגען אפילו נאכ'ן טוישן די שלעסער.

פורים אינדערפרי האבן מיר געהערט האסטיגע קלאפערייען אויף אונזער טיר. ווען מיר האבן געעפנט האבן מיר געטראפן גאנץ משפחת וואוילטשיג, דער טאטע, די מאמע און אלע קינדער, שטיין דארט.

זיי האבן נישט געווארט אויף קיין איינלאדענונג און זענען אריינגעקומען מיט א ברייטן שמייכל און א פרייליכן 'שמחת פורים'.

מיין טאטע און מיין מאמע האבן אויסגעטוישט דערשראקענע בליקן. אויך איך בין געווען דערשראקן. איך האב מורא געהאט אויב זיי וועלן אונז יעצט בארויבן אויפאמאל...

מרת וואוילטשיג איז צוגעגאנגען צו מיין מאמע און איר איבערגעגעבן א הערליכע משלוח מנות. מען האט אנגעזען אז זי האט שווער געארבעט דערויף.

”איך האב נישט קיין ווערטער,“ האט זי געזאגט א גערירטע, ”איך ווייס און שעץ דיין בררייטהארציגקייט,“ האט זי געזאגט מיט שעצונג.

מיין מאמע האט געעפנט אויף איר אפאר אויגן און גארנישט געזאגט. מיר האבן נישט פארשטאנען וואס דא גייט פאר.

מרת וואוילטשיג האט ווייטער גערעדט, ”דער באשעפער האט אונז באשאנקען מיט אזעלכע טייערע שכנים. די מתנות וואס דו שיקסט מיר כסדר אונטער זענען אזוי באליבט ביי אונז. מיר האבן זיך מחיה געווען מיט די סוועטערס, די קראקס, די קליקס, די קינדער ביכלער און אפילו די סנעקס לכבוד שבת.“

מיר האבן זיך איבערגעקוקט און נישט פארשטאנען וואס דא גייט פאר. איז די פרוי זיך מודה אין אירע גניבות? צי מאכט זי חוזק?

”פון וואס רעדסטו?“ האט מיין מאמע געפרעגט צעמישט.

”דו ווייסט,“ האט זי געשמייכלט, ”פון די אלע צדקה מתן בסתר וואס איך טרעף יעדע פאר טעג אין מיין בעקיארד. דו ביסט אזוי ספעציעל.“

אצינד איז געווען אונזער רייע צו בלייבן גערירט. צוליב דעם כבוד פון אונזערע שכנים האבן מיר איינגעהאלטן אונזער געלעכטער ביז די שכנים זענען ארויס. ווי נאר משפחת וואוילטשיג איז ארויסגעגאנגען האבן מיר אויסגעשאסן אין א געלעכטער...

די מיסטעריע איז געלייזט געווארן. אונזער קליינער אליעזר האט זיך לעצטנס אויסגעלערנט צו ווארפן זאכן פון פארטש. ווייזט אויס אז ער האט אראפגעווארפן די אלע מתנות צו משפחת וואוילטשיג און זיי האבן עס אנגענומען אלס מתנות.

”שוין, לאמיר עס אננעמען אלס מתנות לאביונים!“ האט מיין טאטע געלאכט.

יענעם פורים איז געווען גאר א פרייליכער. מיר האבן מקיים געווען מתנות לאביונים מיט אלע הידורים!



# יאָרצייט פון ד' וואך

דער הייליגער רבי
## אייזיקל קאלובער
זי"ע

יארצייט:
ז' אדר

צי ווייסט איר וואָס עס מיינט אַן אַרענדע? אָדער אַ קרעטשמע? אין די אַמאָליגע צייטן זענען געווען פּריצים, רייכע גוֹיִם וואָס האָבן געפירט די שטאָט. זיי זענען געווען בעל הבית איבער אַסאַך הייזער און בנינים. אַסאַך אידן פלעגן גיין צו די פּריצים און בעטן פון זיי אויב זיי קענען דינגען פון זיי אַ בנין און דערנאָך האָבן זיי געמאַכט דאָרט אַ ביזנעס. די אידן פלעגן דאָרט מאַכן אַזוי ווי אַ קליינע האָטעל, וואו מען פלעגט פאַרקויפן וויין און בראָנפן און אָפטמאָל אויך צושטעלן עסן און אַ בעט פאַר מענטשן וואָס פלעגן אַדורכפאָרן די שטאָט. מען האָט דאָס גערופן אַרענדע, אָדער קרעטשמע. די מענטשן וואָס זענען דאָרט אַיינגעשטאַנען פלעגן באַצאָלן געלט און אַזוי האָבן די אידן געקענט באַצאָלן פאַר דעם פּריץ די רענט, אַרענדע.

עס פלעגט זיך אָבער מאַכן אַז אַמאָל איז געווען אַ קאַלטער ווינטער אָדער אַסאַך רעגן, אָדער אַן אַנדערע סיבּה, וואָס צוליב דעם זענען נישט קיין סאַך מענטשן געקומען צו דער "אַרענדע" אָדער "קרעטשמע". דעמאָלטס האָט דער איד נישט געהאַט גענוג געלט צו באַצאָלן פאַר דעם גוֹי'שן פּריץ.

עס זענען נעבעך געווען אַסאַך פּריצים וואָס זענען געווען רשעים און שלעכטע מענטשן. ווען דער איד האָט נישט געהאַט גענוג געלט צו באַצאָלן זענען זיי געוואָרן זייער אין כּעס און האָבן גענומען דעם איד מיט זיין גאַנצע משפּחה און זיי אַריינגעוואָרפן אין אַ גריב.

דער איד פלעגט נעבעך זיצן דאָרט מיט זיין משפּחה, הונגעריג און דאָרשטיג, און קיינער האָט אַפילו נישט געוואוסט וואו זיי זענען. דער פּריץ האָט געלאַכט און זיך געפרייט אַז ער קען טשעפּענען אַ איד. זייער אַסאַך מאָל זענען נעבעך אידישע טייערע קינדער געשטאָרבן אין די תּפיסות פון די שלעכטע פּריצים.

דער גרויסער צדיק רבי לייב שׂרה'ס זצ"ל האָט זייער אַסאַך עוֹסק געווען אין די גרויסע מצוה פון **"פּדיון שבוּיִים"**, אויסלייזן אַ איד פון תּפיסה. ער פלעגט אַרומפאָרן צו אַלע קליינע דערפלעך און שטעטלעך און גיין צום פּריץ און אים פרעגן, "דו האָסט אפשר אַן איד אין דיין תּפיסה?" אויב דער פּריץ האָט געענטפערט "יאָ," האָט דער צדיק אַרויסגענומען געלט און געפרעגט דעם פּריץ, "וויפיל געלט איז דער איד דיר שולדיג?" ווען דער פּריץ האָט אים געזאָגט וויפיל געלט דער איד איז שולדיג, האָט דער הייליגער צדיק באַצאָלט דאָס גאַנצע געלט.

אַזוי פלעגט דער הייליגער צדיק אַרומגיין טאָג און נאַכט. ער איז נישט געשלאָפן אין אַ געהעריגע בעט, ער האָט נישט געהאַט געהעריגע עסן. זייער אַסאַך מאָל איז ער געווען נאַס און קאַלט און זייער מיד, אָבער ער האָט זיך געשלעפּט איבער די וועגן, נאָר כּדי צו קענען העלפן נאָך אַ איד. ער האָט אַפילו נישט געוואוסט ווער דער איד איז, אָבער צו העלפן אַ איד איז די גרעסטע מצוה און דאָס האָט דער צדיק געטון דורכאויס זיין לעבן.

איינמאָל איז דער גרויסער צדיק אָנגעקומען אין אַ קליין שטעטל אין אונגאַרן, אונטער די "טאָקאַיער בערג" נעבן אַ קליין וואַסערל. דער צדיק שפּאַצירט דאָרט און ביז דערווייל רעדט ער צום אייבערשטן און מאַכט התבודדות.

פלוצלינג הערט ער אַ זיסע קול, אַ קול פון אַ קליין אינגל וואָס זינגט צום אייבערשטן מיט אַ מוֹרא'דיגע וואַרימקייט און תּמימות. ער הערט ווי דער אינגל זינגט, **"איך וויל זיין אַ צדיק, איך וויל זיין אַ צדיק... איך וויל זיין דבוק אין דיר בּתכלית השלמות... אוי, הייליגער באַשעפער איך וויל זיין אַן ערליכער איד... טאַטע... הייליגער באַשעפער איך וויל זיין אַן ערליכער איד...."**

דער צדיק האָט אָנגעהויבן נאָכצוגיין דעם קול און ווי נענטער ער איז געקומען, אַלץ זיסער און שענער האָט ער געהערט דעם ניגון.

דער צדיק גייט נענטער און נענטער... דער ניגון ווערט העכער און העכער... און פלוצלינג זעט ער פאַר זיך אַ וואויל, באַ'חנ'ט אינגל וואָס זיצט מיט אַ סטאַדע פון גענז (קאַטשקעס) און ער זינגט זיך צום אייבערשטן מיט אַזאַ געשמאַק. דער צדיק האָט פאַרשטאַנען אַז אַ אינגל וואָס זינגט אַזוי שיין צום אייבערשטן קען ווערן אַ גרויסער צדיק, ווייל מיר ווייסן אַז דער הייליגער רבי זאָגט אַז אויב איינער שמועסט אַסאַך מיטן אייבערשטן וועט ער ווערן אַ גרויסער צדיק. דער צדיק האָט זיך געוואונדערט, "פאַרוואָס זיצט אַזאַ הייליגער אינגל צווישן די קאַטשקעס? פאַרוואָס איז ער נישט אין חדר און פאַרוואָס לערנט ער נישט תּוֹרה?"

דער צדיק האָט געפרעגט דעם קינד, "קינד מיינס, וויאַזוי הייסטו?"

"איך הייס אייזיק."

"פאַרוואָס ביסטו נישט אין חדר?"

דער קליינער אינגל האָט דערציילט פאַר'ן צדיק אַז זיין טאַטע איז נעבעך נפטר

גֶעוָוארְן אוּן עֶר דַארְף הֶעלְפְן זַיין מַאמֶע, דִי אַלְמָנָה, בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן. דֶערִיבֶּער קֶען עֶר נִישְׁט גֵיין אִין חֵדֶר, נָאר עֶר קוּמְט יֶעדְן טָאג הִיטְן אוֹיף דִי גֶענְז אוּן אַזוֹי מַאכְט עֶר גֶעלְט, וָואס עֶר גֶעט דֶערְנָאךְ פַאר זַיין אָרִימֶע מַאמֶע.

דֶער צַדִיק אִיז גֶעבְּלִיבְּן זִיצְן מִיט דֶעם קְלֵיין קִינְד אוּן וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט אַהֵיימְצוּגֵיין, הָאט עֶר אִים אַהֵיימְבַּאגְלֵייט.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶר הוֹיז, הָאט רֶבִּי לֵייבּ שָׂרָה'ס אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּ דֶער מַאמֶע פוּן דֶעם אִינְגְל. עֶר הָאט אִיר גֶעזָאגְט אַז אַ אִינְגְל וָואס שְׁמוּעֶסְט אַזוֹי מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק. רֶבִּי לֵייבּ שָׂרָה'ס הָאט גֶעזָאגְט פַאר דֶער מַאמֶע אַז עֶר זֶעט אַז אִיר זוּן הָאט אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה. עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דִי מַאמֶע אַז זִי זָאל לָאזְן דָאס קִינְד מִיטְקוּמֶען מִיט אִים.

"אִיךְ זָאג אַייךְ אַז אִיךְ וֶועל פֶערְזֶענְלִיךְ נֶעמֶען אַחְרַיוּת אוֹיף אִים. אִיךְ וֶועל לֶערְנֶען מִיט אִים אַסַאךְ תּוֹרָה. וֶוען עֶר וֶועט עֶלְטֶער וֶוערְן, וֶועל אִיךְ אִים צוּרִיקְשִׁיקְן צוּ אַייךְ קַיין אוּנְגַארְן אוּן עֶר וֶועט מִיט זַיין תּוֹרָה בַּאלַייכְטְן גַאנְץ אוּנְגַארְן."

דִי עֶרְלִיכֶע מַאמֶע הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען. עֶס אִיז אִיר נִישְׁט גְרִינְג גֶעוֶוען זִיךְ צוּ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן אִיר טֵייעֶר קִינְד, אָבֶּער זִי הָאט גֶעוָואלְט אַז אִיר קִינְד זָאל טַאקֶע אוֹיפְוַואקְסְן אַ צַדִיק.

רֶבִּי לֵייבּ שָׂרָה'ס הָאט גֶענוּמֶען דָאס קִינְד אוּן מִיט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה. שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה בַּיי רֶבִּי שְׁמֶעלְקָא פוּן נִיקְלְשְׁבּוּרְג זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט בַּיי דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה.

דָאס קְלֵיינֶע אִינְגְל אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן צוּ זַיין דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיקְ'ל פוּן קַאלוּב וָואס הָאט טַאקֶע בַּאלָאכְטְן דִי וֶועלְט מִיט זַיין תּוֹרָה.

אוֹיךְ דוּ קֶענְסְט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק. לָאמִיר יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל שְׁמוּעֶסְן מִיט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן **"בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן אַן אֶמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד. אִיךְ וִויל דִיר דִינֶען, אִיךְ וִויל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן טוּן נָאר מִצְוֹת."**



# טרעפליך

**טרעף די פאלגענדע בילדער 3 מאל**













### דעם
# רבי'נ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון ר' נתן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: "א דאקטער וואס זאגט אז מ'קען נישט גיין אין מקוה איז נישט קיין דאקטער!"

## ברסלב'ע חידות

**דער רבי האט געזאגט: איך גיי אויף א נייע וועג, אבער**

א. וואס פירט צוריק צום אלטן וועג
ב. וואס פירט צו א נייע וועג
ג. אבער דאס איז נאר פאר מיר
ד. וואס פירט צום אייבערשטן

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט פאר ר' נתן אז ווען ער איז מחדש חידושי תורה, ווען ער קומט אן צו 'אמונה' און 'צדיק' זאל ער אויסברייטערן די פענע

## געב א שמייכל

**וויפיל מורישקעס קענען אריינגיין אין אן עלעוועיטער?**

[illegible]

געברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** – חלק שני

**יג. שִׁכּוּל בָּנִים בָּא, חַס וְשָׁלוֹם, עַל מִי שֶׁמַּפִּיל אֶת חֲבֵרוֹ מֵאֱמוּנָה.**

אֵיינֶער וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ זַיין חַבֶר פוּן אֱמוּנָה, פַארְלִירְט עֶר זַיינֶע קִינְדֶער, חַס וְשָׁלוֹם.



# קליין און שיין


מענדי לב – קבר רחל


אליעזר שלמה אפפעל


חיים בוים


הערשי וועבערמאן


אליעזר שלמה בוים


אליעזר שלמה שניצלער


משפחת איינהארן


ישראלי לעזער


חילע לאנדא מרים גליקמאן


הערשי סאמעט



בית פיגא - ירושלים



בלומי איצקאוויטש



הערשי יאקאבאוויטש




חיים יחזקאל וועבערמאן



חמי וועבערמאן א תהילים טייטלער



חני אפפעל און פייגי רוטה



משפחת ראבינאוויטש



נחמן יאקאבאוויטש



סילקי ראטענבערג



פייגעלע פרידריך - נקודות סיום



פייגי פינטער און פייגי פריעדמאן



שלום פרידמאן